Lodzer Tageblat № 14

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 30 גראשען

לאָדזער טאַגעבלאַט

היינט 12 זייטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16.
טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 1000-57, פון אַדמיניסטראַציע 100-47.

פרייטאַג, פ׳ וארא, כ״ז טבת תרצ״א | 16 stycznia 1931 r. | 24-טער יאהרגאַנג

נאַכט-פּאַגאַטאָוויע „לינת-הצדק" צעגעלניאַנאַ 53, טעלעפאָן 115-11

מאָרגען, שבת, דעם 17-טן יאַנואַר 1931 10 אַ זייגער אָוונט
קומט פאָר אין די זאַלען פון „אַזאַ"

זאַלעז „אַזאַ" נאַרוטאָוויטשאַ 20.

לטובת „לינת-הצדק" — אַ גראַנדיעזער באַל — לטובת „לינת-הצדק"

מיט אַ אינהאַלטסרייכע פּראָגראַם. אין וועלכען עס נעמען אַנטייל אַרטיסטען פון „אררט" און „דאַברי וויעטשור". — כּשר׳ער און ביליגער בופעט. — 2 אָרקעסטער׳ס, — גליקס-ראַד. — אַ גאַנצע רייה איבעראַשונגען.

Erste **Bausparkasse** in Polen
sucht in der Akquisition erfahrene und erfolgreiche

Bezirksvertreter

gegen Agenturvertrag, Vertrauensleute und Vermittler gegen Povision, ferner

Organisationsbeamten für Aussendienst.

Es kommen nur Herren in Frage, die bereits erfolgreich in Versicherungsaussendienst tätig waren und ihre erfolge durch Beläge lückenlos nachweisen können.

Angebote an: **Budowlana Kasa Oszczędności i Pożyczek** (Bausparkasse) — **Mysłowice,** (Śląsk) **ul. Powstańców 15.**

מיר טיילען מיט, אַז דאָס קאָמיסיאָנס-לאַגער פון אונזערע אויסאַרבייטונגען פאַר לאָדז און לאָדזער אומגעגנד
פון ה׳ יורוויטש לעווושטיין
האָבען מיר איבערגעטראָגען.
דאָס קאָמיסיאָנס-לאַגער געפינט זיך
אין לאָדז, אַנדזשעיאַ 12
טעל. 23-217 און 23-192.
מיר בעטען העפליך צו ווענדען זיך מיט זעמטליכע בעשטעלונגען צום איבענדערמאָהנטען קאָמיסיאָנס-לאַגער
אַקציען-געזעלשאַפט פון דער בוימוואָל-מאַנופאַקטור
י. ק. פּאָזנאַנסקי, לאָדז

טראַנספּאָרטען מיט׳ן אייגענעם אויטאָ-טאַבאָר
אויף דער ליניע לאָדז—וואַרשא
מיר נעהמען אָפּ אַליין פון אויפגעבער און שטעלען צו דירעקט צום אָפּנעהמער יעדע זענדונג, ניטש אָפּהענגיג פון דער צאָהל אָדער וואָג. די אויטאָמאָבילען שיקען מיר אַרויס צוויי מאָל טעגליך. די לאַדונגען זענען אַסעקורירט. פולשטענדיגע גאַראַנטיע פאַר דער וואָג און גאַנצקייט פון די אונז אָנפערטרויטע סחורות. שנעלע צושטעלונג. בעקוועם און ביליג.
לאָדז, יוליושאַ 1, טעל. 90-206

לעזט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט"

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז אין עלטער פון 50 יאָהר געשטאָרבען אונזער לאַנגיעהריגער און חשוב׳ער מיטגליד
נ״ע **שלמה ליבערמאַן**
מיר בעטען אַלע מיטגלידער אָפּצוגעבען דעם פערשטאָרבענעם דעם לעצטען כבוד און אָנטייל צו נעמען אין דער לויה וועלכע קומט פאָר היינט פרייטאָג ד. 16 יאַנואַר 1931 11 אַ זייגער פון סאַנאַטאָריום „אוניטאַס" פּוסטאַ 19.
די פערוואַלטונג פון שניידער-צעך
פאַר דער שטאָט לאָדז אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 20.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ג׳ חבר
יוסף קופּערשמידט צוליב׳ן טויט פון זיין מוטער נ״ע
המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
בשם הועד חברה „כנסת צעירים" לאָדז, פּילסודסקיעגאָ 51

נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז אין עלטער פון 76 יאָהר געשטאָרבען
נ״ע
אליעזר (ב״ר יחזקאל הכהן ז״ל) **ראָזענבלום**
די לוי׳ קומט פאָר היינט, פרייטאָג, כ״ז טבת תרצ״א (16-I 1631) פּינקטליך 11 פאַרמ. פון טרויער-הויז, קאָנסטאַנטינער 7, וועגען וואָס עס טיילט מיט
די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

אונזער חשוב׳ן מיטגליד פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ה׳ גאָמבערג ווי אויך דער שווער געטראָפענער פאַמיליע צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאָכטער און שוועסטער
נ״ע **דבורה (וויערא) אַלטער**
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער: המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון פעראיין „מלביש ערומים"

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ג׳ חבר וו.-פּרעזעס
דוד רובינאָוויטש
צו דער האָכצייט פון זיין ליבע שוועסטער
געניא מיט ה׳ **סיעמאַן פרידמאַן**
פערוואַלטונג פון ספּאָרט-קלוב
א. ג. „תרומפּלדור" אין לאָדז.

בעקאַנטמאַכונג

עס ווערט בעקאַנט געמאַכט אַלע מיטגלידער פון די גמילת חסדים קאַסע ביי דעם גרינעם מאַרק 7, דאָס זונטאָג דעם 1|18 1931 4 אָוונד, קומט פאָר
די יעהרליכע גענעראַל-פערזאַמלונג
אין אונזער אייגענעם לאָקאַל, ווי אַלע מיטגלידער ווערען העפליך איינגעלאַדענט און ביי אַ ניטש גענוגענדע צאָהל מיטגלידער, ווערט די פערזאַמלונג צונויפגערופען צ׳ם צווייטען טערמין 6 אָוונד אין דעם זעלבען לאָקאַל, און ווערט זיך רעכענען געזעצליך ביי יעדע צאָהל ערשיינטע מיטגלידער.
סדר-היום: 1) ערעפנונג, 2) וואַהל פון אַ פאָרזיצענדען מיט דעם פּרעזידיום, 3) איבערלעזונג און בעשטעטיגען דעם פּראָטאָקאָל פון די פערגאַנגענע פערזאַמלונג, 4) בעריכט פון טעטיגקייט און קאַסע פון פערגאַנגענעם יאָהר, 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויף 1931, 6) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג מיט קאַנדידאַטען און אַ רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 7) פרייע פאָרשלאַגע. מיט דרך-ארץ
די פערוואַלטונג פון גמילת חסדים
ביי דעם גרינעם מאַרק 7
בעמערקונג: אום זיך צו פערשאַפען וואַהל-רעכט בעטען מיר געפעליגס אונזערע מיטגלידער צו רעגולירען די ביטראָגע. קיין ספּעציעלע איינלאַדונגען ווערען ניטש אַרויסגעשיקט

Bank Spółdzielczy
Kupców i Przemysłowców
w ŁODZI
Spółdz. z ogr. odpow. — Tel. 136.46 i 188.34

39 צעגעלניאַנאַ 39
פראָנט 1-טער שטאָק | פראָנט 1-טער שטאָק

נעמט אָן וועקסלען, פראַכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסע אויף אַלע פּלעצער אין גאַנץ פּוילען ביי אַ מינימאַלער פּראָוויזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, ווייזט איבער געלד אויף גאַנץ פּוילען, נעמט אָן וואָקלאַדען איינלאַגען, נדן-געלדער, קלענערע אָפּשפּאָרונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאַכט דיסקאָנטאָ און גיט אַרויס אַוואַנסען אויף אינקאַסאָ.
ערלעדיגט אַלץ פּינקטליך און רעיעל.
די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג.

Dr. med. P. MARKOWICZOWA
Zawadzka 14, telef. 166-35

בית-הכנסת „ציון" אהל-יעקב
נשף שבת חגיגי
בעד הנוער ותלמידי בתי הספר
ביום ו׳ עש״ק פ׳ וארא (16/1) תערך
קבלת-שבת חגיגית
התפלות — ע״י הש״ץ והמקהלה, בשירה ובזמרה. בין קבלת השבת ותפלת ערבית ישא נאום הד״ר ש. יוריס מא״י על הנושא: „גאולת הארץ והנוער"
מתפלל, ביהכ״נס והנוער — מתבקשים לבוא.
התחלת התפלה בחצי הרביעית.

Lekarz-Dentysta
LEWINSON-KARMAZYN
6-go Sierpnia 2 (róg Piotrkowskiej)
przyjmuje od 10—1 i od 3—7 p.p.

„הזמיר" יודישע טעאַטער סטודיע | „הזמיר" אַלעיאַ קאָשטשושקי 21.
3 פּאָפּולערע פאָרשטעלונגען פון 50 גראָשען ביז 2 זלאָטיס
פרייטאַג, דעם 16-טען יאַנואַר, 9 אַ זייגער אָוונט
די גאָלדגרעבער קאָמעדיע אין 5 אַקטען פון שלום עליכם
שבת, דעם 17-טען ד. ח. 9 אַ זייגער אָוונט צום 13 מאָל
אין פּאָליש אויף דער קייט דראַמא אין 3 אַקטען פון י. ל. פרץ.
זונטאָג דעם 18-טען יאַנואַר, 9 אַ זייגער אָוונד
די גאָלדגרעבער קאָמעדיע אין 5 אַקטען פון שלום עליכם
אינסצעניזאַציע און רעזשי: אידעם, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: יצחק ברוינער, מוזיק: הענעך קאָן, פּלאַסטיק און טענץ איזאַ האַראַרי

די דעבאטע אויף דער סעסיע פון אקציאנס-קאמיטעט

ציטווייליג איבערגעריסענע די אונטערהאנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג מיט דער יוד. אגענץ

ענטפער פון דער אראבישער עקזעקוטיווע אויפ'ן „ווייס-בוך"

די אויסערגעוועהנליכע ס'עסיע פון אקציאנס-קאמיטעט

סאקאלאוו פאדערט אפצולעגען דעם קאנגרעס אויף א פאר חדשים

לאנדאן, 15. (יט"א)

די אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון יודישן אקציאנס קאמיטעט האט געעפענט פרעזעס סאקאלאוו.

ד"ר סענאטאר האט רעפערירט די לאגע אין ארץ ישראל. ער האט אנגעוויזען, אויף דער קריטישער לאגע פון די פינאנצען.

נחום סאקאלאוו האט ערגענצט דעם בעריכט און געמאכט זייערע אויספירונגען איבער דער פאליטישער לאגע. ער האט אנגעוויזען, אויף דער נויטווענדיגקייט פון א גרעסערער געלד-זאמלונג אין אמעריקא.

נחום סאקאלאוו האט אויך געזאגט, אז דער קאנגרעס זאל אפגעלעגט ווערען אויף א פאר חדשים.

ד"ר ווייצמאן האט געהאלטען דעם פאליטישען רעפעראט. ער האט געגעבען אן'אויספירליך איבער די אונטערהאנדלונגען פון דער „אגענץ" מיט דער ענגלישער רעגירונג.

נחום גאלדמאן האט ערגענצט ווייצמאנס רעפעראט.

אין דער גענעראל-דעבאטע האט זיך באטייליגט יצחק גרינבוים, מאיר גראסמאן א. א.

די זיצונגען זענען פערטרויליכע.

די אונטערהאנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג מיט דער אגענץ

איבערגעריסען אויף א חודש

לאנדאן, 15. (יט"א)

צוליב דעם, וואס דער אויסערן-מיניסטער הענדערסאן פאהרט איצט אפ קיין גענף צו דער יאנואר סעסיע פון פעלקערבונד, זענען די אונטערהאנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג מיט דער „אגענץ" איבערגעריסען געווארען אויף א חודש צייט.

מיניסטער הענדערסאן איז דער פארזיצענדער פון ענגלישען צד אין די אונטערהאנדלונגען.

אראבישער ענטפער אויפ'ן „ווייס-בוך"

לאנדאן, 15. (ט)

די אראבישע עקזעקוטיווע האט איבערגעגעבען דעם הויך קאמיסאר אן ענטפער אויפ'ן „ווייס בוך", מיט דער בקשה איבערצושיקען איהם קיין לאנדאן. די אראבער פאדערן מבטל צו מאכען די באלפור-דעקלאראציע און אפשאפען דעם מאנדאט.

ווייטער ווערט געפאדערט צו שאפען א רעגירונג, וואס זאל זיין פעראנטווארטליך פאר'ן פארלאמענט און א פערבאט פון יודישער אימיגראציע. עס זאל פערבאטען ווערען צו פערקויפען לאנד צו נישט קיין אראבער און עס זאלען פערזארגט ווערען מיט'ן עקספראפריאירטען לאנד די בארעגלאזע אראבער.

Środek tak wspaniale uśmierzający bóle, jest często przedmiotem podrabiania. Dlatego też przy bólu głowy i zębów, przeziębieniu, reumatyzmie, należy przyjmować tylko tabletki, które jak i opakowanie opatrzone są znakiem „BAYER".
ISTNIEJE TYLKO JEDNA ASPIRINA!

75-יעהריגער יובילעאום

פון ה' לודוויג באנאש

היינט פייערט אין בערלין זיין 75-יעהריגען געבורטסטאג דער געוועזענער פאפולערער לאדזער געזעלשאפטליכער טוער לודוויג באנאש.

שוין אלס 19-יעהריגער יונגערמאן איז ער אויסגעוועהלט געווארען אלס פארזיצער פון א סוחר'ישען פעראיין אין ברעסלוי, וואו ער האט געגרינדעט גימנאזיום און בעקומען ספעציעלע מאטעמאטישע בילדונג ביים בערימטען וועלט-שאך-מייסטער פראפ. אנדערסאן.

אין לאדז איז ה' באנאש געווען איינער פון די מיטגרינדער און וויצע-פרעזעס פון האנדעלס אנגעשטעלטען-פעראיין (קאשטשושקי 21), שפעטער האט ער געגרינדעט דעם סוחרים- און פאבריקאנטען פעראיין און איז די גאנצע צייט פון דער אקופאציע דארט געווען פרעזעס. דער דאזיגער פעראיין, וואס האט זיך שפעטער פערוואנדעלט אינ'ם איצטיגען לאנדעס פערבאנד פון דער טעקסטיל אינדוסטריע, האט איהם אין אנערקענונג פון זיינע פערדינסטען, אויס געוועהלט אלס עהרען-מיטגליד.

ה' באנאש איז אויך געווען מיטגרינדער פון היגען שאך-קלוב. ער איז אויך זייט א ריי יאהרען מעטיג אין לאדזער פרייען שיין-פעראיין, וואו ער פערנעמט דעם בכבודיגען אמט פון וויצע-פרעזעס. ה' באנאש איז אויך איינער פון די גרינדער און נאהענטסטע מיטארבייטער פון היגען רעטונגס-קאמיטעט.

ה' באנאש איז טעטיג אלס מיטגליד פון רעוויזיאנס-קאמיטעט אין עטליכע אקציען-געזעלשאפטען. ער פערנעמט אויך די עהרען-אמטען אין די רעוויזיאנס-קאמיסיעס ביי דער יודישער קהלה, „טאז" און יתומים-הויז (פולנאצנא 38).

דער יובילאר האט בעקומען פיל וואונשען פון פריוואטע פערזאנען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. אויך מיר ווינשען איהם נאך לאנגע יאהרען פון גייסטיגער טעטיגקייט.

וואס איז דאס „Togal"?

„טאגאל"-טאבלעטקעס זענען א ווירקזאם מיטעל געגען רעמאטיזם, פאדאגרע, גריפע, נערווען-שמערצען און קאפווערטאג, מיגרענע און פערקיהלונגען. מאכט אייך נישט אלײן קיין חיזוק בענוצענדיג אנדערע מיטעלען מיט לייט.

דער קאלאניאל-אמט צוזאגט דעם הויך-קאמיסאר נאכצוגעבען

ירושלים, (יטא) אנ'אפיציעלער רעגירונגס-קאמוניקאט טיילט מיט, אז עס איז אפגעשאפט געווארען דער ציוואנג-זונטאג-רוהע אין די שטיינהאקערייען פון אסליס. שוין פאריגען זונטאג (דעם 11-טען יאנואר) האבען די יודישע ארבייטער געארבייט. דער רעגירונגס-קאמוניקאט גיט צו וויסען, אז א דאנק א נייער ארבייטס-שיכטען-איינטיילונג איז די יודישע ארבייטער געגעבען געווארען די מעגליכקייט פון זונטאג-ארבייט.

ווי מען גיט איבער, איז די פעראָרדנונג אפצושאפען דעם צוואנגס-זונטאג-רוהע אין אסליס ארויסגעגעבען געווארען לויט דער אנרעגונג פון קאלאניאל-אמט אין לאנדאן. מען פערזיכערט, אז סער דזשאן טשענסעלאר פערזענליך איז נישט געווען גענייגט צוריקצוציהען זיין ערשטע פעראָרדנונג.

א משומד נאמינירט אלס פרעזעס פון ראוונער „טאז"

פראטעסט פון „טאז"-צענטראלע געגען האנדלונג פון ראוונער סטאראסטע.

ראוונע, (יט"א). ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די צענטראלע פון „טאז" אין ווארשא איבערגעבען דער העכערער אדמיניסטראטיווער מאכט א פראטעסט געגען דער האנדלונג פון ראוונער סטאראסטע, וועלכער אנגעארירט די „טאז"-צענטראלע בעת'ן נאמינירען א נייע פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט אין ראוונע. מען דארף צוגעבען, אז נאך דעם 20-טען נאוועמבער ד. י. האט די „טאז"-צענטראלע אפגעשטעלט אין איר טעטיגקייט די ראוונער „טאז"-פערוואלטונג. דער ראוונער סטאראסטע האט אבער דאמאלס נישט אקצעפטירט דעם בעשלוס פון דער ווארשאווער צענטראלע און די פערוואלטונג נישט פונאנדערגעלאזען.

צווישען די ניי-נאמינירטע פערוואלטונגס-מיטגלידער געפינט זיך איינער, וואס האט שוין לאנג איבערגעריסען מיט'ן יודענטום. אויפ'ן יסוד פון דער נאמינאציע פון סטאראסטע דארף דער דאזיגער משומד זיין דער פרעזעס פון דער פערוואלטונג. דער דאזיגער פאקט האט ארויסגערופען אין די יודישע קרייזען א שלעכטען רושם.

רומענישער קעניג קאראל

פאדערט שטרענג צו בעקעמפען די אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען

בוקארעסט, 15. (יט"א)

דער רומענישער קעניג האט אויפגענומען אויף אנ'אודיענץ דעם רומענישען אויסערן-מיניסטער און אנגעגומען פון איהם א בעריכט וועגען דער אקציע געגען די אנטיסעמיטישע אינרוהען.

דער קעניג האט איהם אויפגעפאדערט אז ער זאל אויך ווייטער פיהרען ענערגיש דעם קאמף געגען דעם אנטיסעמיטיזם.

געוואלט ווערען א „אבאטניק"

דערפאר האט ער געפעלשט א שול-צייגניש און איז אנגעקלאגט געווארען

(§) דעם 18-יעהריגען סטאניסלאוו טאשיק האט זיך פערגלוסט צו געהן אלס „פרייוויליגער" רינגען און מיליטער. צו דעם צוועק האט ער דעם 2. יולי 5. י. זיך צוגעשטעלט אין פ.ק.או אין צו זיין בויטע איז בעגלעגט געווארען א בעשיינונג, אז ער האט געענדיגט 7 אפטיילונגען פאלקשולע אין קאלושקי. די פ.ק.או האט אבער פעסטגעשטעלט, אז די שול-בעשטעטיגונג איז א געפעלשטע, צוליב וואס דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען דער סטאראסטווע. און רעזולטאט איז טאשיק געבלעבען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק אין לאדזער קרייז-געריכט.

דער אנגעקלאגטער האט זיך מודה געווען, אז ער האט געהאט א בעשייניגונג פון געענדיגטע 6 אפטיילונגען, נאר כדי צו קאנען ווערען „אבאטניק", מוז מען האבען 7 קלאסען בילדונג, האט ער עס „איבערגעארבייט".

טאשיק איז פער'משפט געווארען אויף 1 חודש ארעסט, אויסצוזיהען אין כשך פון 2 יאהר.

ארבייטער געווינען 28000 זל. פון א באנקראטירטע פירמע, וואס איהר אינהאבער איז געשטארבען

כאראקטעריסטישער פראצעס אין ארבייטס-געריכט

(§) די ארבייטער פון דער פירמע „ראפאפארט ליסקע" האבען א לענגערע צייט נישט בעקומען רעגולער אויסגעצאהלט דעם לוין. אינצווישען איז די פירמע ערקלערט געווארען באנקראט און זי איז שולדיג געבליבען איהרע 74 ארבייטער 28,000 זל. ביצוליינו איז אויך דער אינהאבער פון דער פירמע געשטארבען. מיט דער געלד-תביעה האבען די ארבייטער זיך ארומגעטראגען פון איין אינסטאנץ צו דער צווייטער. דער פעראיין „פראצא" איז ארויס געטרעטען מיט אנ'אנקלאגע געגען דער אופעראלאשטש-מאסע.

דאס געריכט האט בעריקזיכטיגט די טענה פון די אנקלאגער, באשר די פירמע איז נאכ'ן פאטער'ס טויט ארובער צו זיין זוהן, וועלכער האט איבערגענומען די אופעראלאשטש-מאסע, ממילא האט ער אויך איבערגענומען דעם פערשטארבענעם'ס התחייבות'ן. אזוי ארום איז די ארבייטער צוגע'משפט געווארען 28,000 זל.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נארוטאוויטשא 20 —
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

נאר 1 פארשטעלונג

פרעמיערע! היינט פרייטאג, ד. 16 יאנ. 9 אוונד — צום ערשטען מאל אין לאדז — **פרעמיערע!**

סענסאצ. שפאנענדער אמעריקאנער שלאגער, וואס איז געשפילט געווארן אין אמעריקא מיט א ריזן-ערפאלג מיט'ן ארטיסט יעקב זילבערט אין הויפט-ראל

„בראדיאגא"

אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון י. מארקאוויטש.
די ראל באריס פיהרט אויס ה. באלבירסקי.

צום שלוס **א גרויסע קאנצערט-אפטיילונג** צום שלוס

דער בעליבטער הומאריסט, ליבלינג פון לאדזער פובליקום הערשל יעדוואב טרעט ארויס מיט אנ'אקטועלען רעפערטואר.
ה. באלבירסקי—פאלקס-לידער. די בעליבטע סוברעטן יוליא פלאום—לידער. קלמן גוטמאן—דעקלאמאציעס. ס. גאלדבערג—קופלעטן.

ס'נעמען אנטייל פרויען: י. פלאום. ס. בעזמאן, ת. פאדערמאן, ד. ראזענצווייג
מענער: באלבירסקי, ח. פאלאנסקי, הערשעל יעדוואב, גוטמאן, ס. גאלדבערג.

ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ל. זעלמאן, סופלאר — ביידהוין, טעכנישער לייטער — ק. גוטמאן.

בילעטען צו בעקומען אין דער קאסע פון „פילהארמאניע".

ריזיגע אפערע פון א לאדזער עקספעדיטאר

ס'האבען דערפון געליטען א סך היגע מאנופאקטור-פירמעס

דער שווינדלער איז אנטלאפען קיין אויסלאנד. — 6 פון זיינע שותפים פון דער פרעמדער אויף דער בעשולדיגונגס-באנק. — גרויסער פראצעס אין לאדז

(§) דעם 8. נאוועמבער ד. י. האט דער לאדזער סוחר יעקב בארענשטיין געמאלדען דעם אויספארשונגס-אמט, אז ער איז בערויבט געווארען דורך שווינדלערישע מאכינאציעס אויף 1575 זל. דעם שווינדעל איז בעגאנגען דער מיטאינהאבער פון דער פירמע „מארעל" אין בזשעזשינע, שמחה גאלדין, צוזאמען מיט'ן לאדזער עקספעדיטאר משה גאלדמאן פון פיעטרקאווער 17.

די אויספארשונג האט בעוויזען, אז ס'איז בעגאנגען געווארען א ברייטע צוגעשטעלטער שווינדעל.

אנהויב יאנואר פ. י. איז גאלדמאן געקומען אלס פערמיטלער, צוזאמען מיט נאך איינעם, אין די פירמעס פון מייבע שטייער, קרושמאל און שולעם, א. מ. שטערן, מ. גנאטעק, מ. פרידמאן, טשערניאק און שמולער, פאר וועלכע ער האט פארגעשטעלט דעם אומבעקאנטען אלס רייכען סוחר אברהם מענדעל טשעליער פון טשעוו. נאכ'ן בעקענען זיך, זענען געשלאסען געווארען אין די אלע פירמעס, אז די צוגעשיקטע קאסטענ'ס געמאכט גרעסערע בעשטעלונגען, האט איינגעצאהלט קלענערע סכומים און מזומן און אפגעמאכט, אז די סחורות זאלען אפגעשיקט ווערען דורך גאלדמאנ'ס עקספעדיציע „אויף נאכנאהמע".

אזוי איז פאקטיש געשעהן. גאלדמאן האט צוגענומען די בעשטעלונגען און די פירמעס ארויסגעגעבען קוויטלעך אויף נאכנאהמע. אין א קורצע צייט ארום האט מילער געמעלדעט די לאדזער פירמעס, א זיי צוגעשיקטע קאסטענ'ס וועט ער נישט אויספיהרען, ווייל זיי זענען פערדעכטיג. ווען אזעלכע סוחרים האבען געפאדערט, מען זאל זיי צוריקשיקען די קאסטענס סחורה, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין די קאסטענס זענען אנשטאט סחורה געלעגען שטיינער און אלטע שמאטעס.

מיט אנ'אונגעהויערער ראפינירטקייט האט גאלדמאן צוזאמען מיט מילער'ן אויסגעפיהרט אזא שווינדעל צום שאדען פון דער פירמע מענדעל פרידמאן, וואו מילער האט געקויפט סחורה פאר 2290 זל., אויף וואס ער האט געגעבען נאר 490 זל.

היות פרידמאן האט נישט געהאט קיין בעזונדער צוטרוי צו גאלדמאנ'ען, וואס נאר דורך איהם האט מילער געוואלט מען זאל עקספעדירען די סחורה, האט פרידמאן געפאדערט, אז גאלדמאן זאל די געקויפטע סחורה איינפאקען אין זיין געשעפט. דער קאסטען סחורה איז דורך גאלדמאנ'ען ארויסגעפיהרט געווארען צו דער באהן אונטער דער אויפזיכט פון פרידמאנ'ס אנגעשטעלטען.

אין א פאר טעג ארום האט מילער מיטגעטיילט פרידמאנ'ען, אז דער קאסטען איז איהם פערדעכטיג און צוליב דעם וועט ער איהם נישט צונעמען. דאן איז פרידמאן אליין געפאהרען קיין טשעוו און דארט האט ער זיך איבערצייגט, אז דער קאסטען איז פערטוישט געווארען און אז אויפ'ן פראכט זענען געפעלשט די נומערן.

די אויספארשונג האט אבער נישט בעוויזען, צי אין פעלשען דעם פראכט האבען געהאט א חלק אויך באהן-בעאמטע. אז פרידמאן האט צוריקבעקומען דעם קאסטען סחורות קיין לאדז, האט ער מיט שטויגען זיך איבערצייגט, אז פון סחורה קאן היינטיגע צייטען ווערען שטיינער און פאפיר. ווייטער איז איהם קלאר געווארען, אז דער „רייכער סוחר מילער" איז א אומפערמעגליכער מענש און איז אין לחלוטין נישט קיין סוחר.

פונקט אזא שווינדעל האט גאלדמאן און שותפות מיט מילער'ן אויסגעפיהרט צום שאדען פון דער פירמע „טשעטשיאל און שוטלער". אינאפהענגיג דערפון, האט גאלדמאן ארומגעפיהרט איבער א ריי לאדזער פירמעס די ברידער אלטער קאוויטש פון וויערושאוו, וועלכער ער האט אויך פארגעשטעלט אלס „רייכע סוחרים", וועלכע האבען אויף דעם סמך געגעבען קלענערע קאנטאקט אויף גרויסע קניות, וואס זענען אויך געשיקט געווארען דורך גאלדמאנ'ען. אויך אין דעם פאל האבען די לאדזער פירמעס בעקומען פון וויערושאוו מיטטיילונגען, אז די קאסטענס זענען פערדעכטיג און די איצקאוויטש'ס ווילען זיי נישט אפנעהמען.

אקוראט אזא גורל מיט בעשטעלונגען און דורכפאלען האט געהאט דער לאדזער סוחר בערענשטיין, וועלכער האט געשיקט סחורה געלדובין און גאלדמאנ'ען פון בזשעזשינע.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז גאלדמאן האט אין די אלע שווינדלערייען געשפילט די ראל פון פערמיטלער און עקספעדיטאר און האט די סחורות צוגענומען פאר זיך און געטיילט אפיסעל ריוח צווישען זיינע שותפים, די „רייכע סוחרים". הערענדיג, אז זיין לאגע איז בעדראהט, האט גאלדמאן עוקר-געווען קיין דאנציג, פון דארט קיין בעלגיען.

זיין שוועגער: די איצקאוויטש'ס, מילער'ן, גאלדין און שלום געלרובין, איז ארעסטירט געווארען.

נעכטען זענען זיי געזעסען אלס אנגעקלאגטע אויף דער בעשולדיגונגס-באנק. אין נאמען פון די בע'עלה'טע פירמעס זענען ארויסגעטרעטען די אדוואקאטען בערמאן און גאלדבערג.

די אנגעקלאגטע האבען בעשווינדעלט אויף 60.000 זל. די לאדזער פירמעס, עכער דערויף האט זיך קיינער נישט מודה געווען. זיי האבען ארויפגעלעגט די גאנצע שולד אויפ'ן אנטלאפענעם משה גאלדמאן.

די עדות האבען מיט זייערע ערקלערונגען אונטערשטראכען די שולד פון די אנגעקלאגטע.

עטליכע צוהנדליג עדות זענען נעכטען שוין אויסגעהערט געווארען.

היינט ווערט דער פראצעס פארגעזעצט. דער אורטייל ווערט ערווארט היינט.

—:0:—

רעגירונג וועט העכערן דאס דירה-געלט

אין ענדערן דאס געזעץ וועגן לאקאטארען-שוץ

סענסאציאנעלע ערקלערונג פון ארבייטס-מינ. גען. הייגעבויער

העכערן דאס דירה-געלט און ענדערן דעם לאקאטארען-שוץ

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער בודזשעט קאָמיסיע ביים סעים, איז בעשפּראָכן געוואָרן דער בודזשעט פון מיניסטעריום פאַר עפענטליכע ארבייט.

דער רעפערענט דעפּוט. פּאַנטשעק (ב.ב.), וועלכער לענט פאַר א רייע רעדוקציעס אין בודזשעט.

דאַן נעמט דאָס וואָרט דער אַרבייטס-מיניסטער גענער. הייגעבויער און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די דיסקוסיע.

נאָך דער דיסקוסיע האָט נאָך אַמאָל גענומען אַ וואָרט דער אַרבייטס-מיניסטער, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ ערקלערונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין די סעים-קרייזן. דער מיניסטער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: מען האָט זיך אויסגערעכנט, אַז אויב מען וועט נישט העכערן די דירה-געלט אַנדערש ווי גענוג. אויך קען ערקלעהרען, אז די הילף פון דער רעגירונג פאַר'ן בויען נייע דירות וועט היינטיגן יאָהר זיין די זעלבע ווי פאַר אַ יאָהרען. בנוגע דעם נאַ-וועלנדיגן דעם אויסטאַוו פון לאָקאַטאָרען-שוץ וועט די רעגירונג זיך בעראַטען מיט אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. דער מיניסטער בעטאָנט דאָ, אַז דער געוועזענער אַרבייטס-מיניסטער פּראַטשישעווסקי האָט גרויסע פעדערונגען פאַר די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו ווענען דער פראַגע.

ווייטער ערקלערט דער מיניסטער, אז אין בויען נייע דירות וועט מען איצט לענן מעהר אכט נאָר אויף קליינע נערע דירות, וועלכע וועלען געבויט ווערן פון אייגענע פאָנדען און אויך פון אָפּשפּאָרונגען.

די ערקלערונגען פון אַרבייטס-מיניסטער האָבען אין די סעים-קרייזען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אין דער ערקלערונג זענען וויכטיג צוויי מאָמענטען: 1) מען זעהט פון זיי, אז די רעגירונג גרייט זיך צו ענדערן דעם אויסטאַוו וועגן לאָקאַטאָרען-שוץ און 2) אין די רעדע ווערען איינגעשפּאַרט אָפּשפּאָרונגען פון די קלאַנגען, אז די רעגירונג גרייט זיך צו העכערן דאָס דירה-געלט.

אויספּאַרשונגס-קאָמיסיע אַרויס-געפאָהרען קיין ל'ציק

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

קיין לוצק איז נעכטען אַרויסגעפאָהרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, כדי אויסצופאָרשען די מיספּרויכען, וועלכע זענען דורך מיניסטער סקלאַדקאָווסקי בערירט געוואָרען בעת דער דיסקוסיע אין דער בודזשעט-קאָמיסיע.

90 מיליאָן זל. פאַר אַרבייטסלאָזע

האט די רעגירונג בעשטימט פאַר'ן איצטיגען בודזשעט-יאָהר

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

די רעגירונג האָט אַרייגעטראָגען אין סעים אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען צוגאָב-קרעדיטען פאַר'ן בודזשעט יאָהר 1931—32.

אין אויסטאַוו ווערט געזאָגט, אז אין בודזשעט-פּרעלימינאַר פון אונערן מיניסטעריום ווערט געהעכערט דער דיספּאָזיציע-פאָנד פון אינערן-מיניסטער מיט 3 מיליאָן זל.

אין זעלבען אויסטאַוו ווערט געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט בעשטימען אין היינטיגען יאָהר אַנ'ערך 90 מיליאָן זל. אויף שטיצע פאַר אַרבייטסלאָזע.

מיניסטארען-בעראטונג וועגען דער קאנסטיטוציע-רעפארם

היינט וועט דער יוסטיץ-מיניסטער אפגעבען ערקלערונגען וועגען בריסק

בעראטונג אין מיניסטארען-ראט וועגען דער קאנסטיטוציע-רעפארם

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

נעכטען איז אין בנין פון מיניסטאַרען-ראַט פאָרגעקומען אַ פּריוואַטע בעראַטונג וועגען דער געפּלאַנטער ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע.

אין דער בעראַטונג האָבען זיך בעטייליגט דער פּרעמיער, עטליכע מיניס-טאָרען און א רייע דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פון ב.ב.

ווי מען פערזיכערט אין די סאָנאַציע-קרייזען, וועט דער ב.ב. קלוב נאָכ'ן ענערגיש נעמען מיט דעם ענין און שוין אין דער נאָהענטסטער צייט זאָל די פראַגע געשטעלט ווערען אויפ'ן סדר-היום פון סעים.

יוסטיץ-מיניסטער גיט היינט אפ א ערקלערונג וועגען בריסק

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

אויף דער מאָרגענדיגער זיצונג פון דער בודזשעט קאָמיסיע זאָל דער יוסטיץ-מיניסטער ביים בעהאַנדלען דעם בודזשעט פון זיין מיניסטעריום, אָפּגעבען אַ ערקלערונג וועגען ענין בריסק.

מעשה בריסק אויף ד״ר יורידישער קאמיסיע

וואַרשאַ, 15. (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

אויף אַ זיצונג פון דער יורידישער קאָמיסיע, דעם 20. ד. ח. וועט דער רעפערענט אַדוואָק. פּאַסבאַלסקי אָפּגעבען אַ בעריכט וועגען מעשה בריסק.

אויף דער דאָזיגער זיצונג וועט אויך בעטראַכט ווערען דער רעגירונגס-פּראָיעקט פון דער פּאַרשטאַנד פון דעפּוט גרינבוים וועגען אָפּשאַפען די צאַרישע בעגרענצונגען.

ערשטער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער אין לאָדז

SPLENDID

לעצטע 3 טעג!

100-פּראָצענטיגען מאָנומענטאַלען פּוילישען קלאַנג-פילם — א. נ.

אויף כביר

מיט אונזער עקראַן-קעניגין

אין דער הויפּט-ראָל **Jadwiga Smosarska**

פרייזען פון פּלעצער 1, 2 און 3 זל.

פאַר קינדער און יוגענד ערלויבט.

אָנהויב פון סעאַנסען 6, 8, 10 אָוו. שבת, זונטאָג און חגאות 4, 6, 8, 10 אָוו.

אונווידערופליך — דער לעצטער פּריהמאַרגעז — אונווידערופליך

זונטאג, דעם 18-טען יאַנואַר 12 מיטאָג

„נעאפּאל, די זינגענדע שטאט"

מיט'ן טענאָר-קעניג יאַן קיעפּוראַ און בריגידא העלם.

פער'משפּט'ע פאר'ן אנטייל אין צענטראלעו-קאנגרעס

ראַדאָם, (טעלעפאָניש צום „לאָדז. טאָג.")

היינט האָט זיך דאָ פאַרענדיגט דער פּראָצעס געגען די אָנטיילנעמער פון צענטראַלעו קאָנגרעס. איינער פון די אָנגעקלאָגטע איז פאַר'משפּט געוואָרען צו 2 חדשים אַרעסט און 5 צו 2 וואָכען. די שטראָף ווערט זיי אָפּגעלעגט אויף אַ יאָהר צייט.

דערמיט האָב איך דעם כבוד מיטצוטיילען די חשוב'ע קליענטען, אַז פון 1 יאַנואַר ד. י. בין איך אַרויסגעטרעטען פון דער פירמע **Bücher i Karpowski** וועלכע הערט גלייכ-צייטיג אויף צו עקזיסטירען לויט דער אויביגער פירמע, וואָס איך בעט געפעליגסט נעמען צו קענטניס.

D. Karpowski

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די חשוב'ע קליענטען, אַז פון היינט אָן האָב איך געעפענט

אַ טראַנספּאָרט און עקספּעדיציע-ביורא

אין לאָדז, זשעלאָנאַ 8a, טעל. 193.11

(אין הויז פון ה' פינקוס)

וועלכע ווערט געפיהרט אונטער מיין אייגענער פירמע.

זייענדיג גוט בעקאַנט אין געביט פון טראַנספּאָרט און עקספּעדיציע, האָף איך, אַז איך וועל מיר פערדינען דאָס פער-טרויען פון די חשוב'ע קליענטען.

Biuro Transportowo-ekspedycyjne
KARPOWSKI
Zielona 8a, tel. 193-11.

פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציונ. אָרגאַניזאַציע

מאָרגען, מוצאי שבת 17/1, 6.30 אָוועד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4.

פאָרלעזונג

אויף ד. ט.: „די יודישע יוגענד אין אייראָפּאַ, אַמעריקאַ און ארץ ישראל".

רעפערענט: ד״ר א. ש. יורים פון ארץ-ישראל

איינגאַנג פריי!

צו אַלע אינהאָבער פון

מאנגלען

מיר מאַכען בעקאַנט, דאָס עס האָט זיך געגרינדעט

אַ פעראיין פון מאַנגעל-בעזיצער

מיר בעטען די אינהאָבער פון מאַנגלען וואָס זענען נאָך נישט פערשריבען אַלס מיטגלידער זאָלען זיך קומען פערשרייבען. מיט אייער פערשרייבען זיך ביי אונז זייט איהר שוין אין אונזער שוץ.

פערשרייבען קען מען זיך ביים סעקרעטאַר ה' האָסקעל, אַנדזשעיאַ 46 פון 9 פריה ביז 9 אָוועגד.

אַקושערקע

פאלא נירענבערג

בזשעזשינער 20 טעל. 29-168

צוריקגעקומען

נעהמט אָן געבורטען פון קראַנקען-קאַסע און פּריוואַט

Dr. med. H. Różaner

ספּעציאַליסט פון הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט

נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 08-128

נעהמט אָן פון 8—10; 5—8 אָוועגד

אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט טייל איך העפל. מיט מיינע ג' קונדשאַפט, אַז מיין באַל-טואַלעטען אַטעליע איז געוואָרען איבערטראָגען פון זגערזשער 28 אויף **פלאַץ-קאָשטשעלני 4** טעל. 141-35

און באַרג אויס זעמטליכע באַל-טואַלעטען ווי אויך **חופּה-קליידער** פון די נייעסטע פאַסאָנען צו מעסיגע פרייזען. סאָלידע בעהאַנדלונג.

איך עמפּפעהל מיך ווייטער דערג' קונדשאַפט.

מיט אַכטונג

S. GLIKSMAN

Pracownia oraz Wypożyczalnia sukien

Plac Kościelny 4. tel. 141-35

Dr. med.

S. LIEBESKIND

אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

זאַוואַדזקאַ 6 טעל. 216-66

נעמט אָן פון 4—6 נאָכמ.

Dr. med.

L. Liebeskindowa

קינדער-קראַנקהייטען

זאַוואַדזקאַ 6 טעל. 216-66

נעמט אָן פון 3—5 נאָכמ.

Dr. med.

I. Wajnberg

Cegielniana 47, tel. 126-02

צוריקגעקעהרט

אינערליכע קראַנקהייטען

ספּעציאַליסט פאַר לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.

נעהמט אָן אין דערהיים פון 3—5.

Dr. Wołkowyski

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

צעגיעלניאַנאַ 36

טעלעפאָן 216-90

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע. אַלע-אַרט אַנאַליזע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַלען.

נעמט אָן פון 9—2, און פון 5—9 אָוועגד.

בעזונדער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. A. Mazur

וושאַדניאַ 67, — טעל. 166-01

נעמט אָן פון 10 — 1.30 און פון 4 — 6 אָוועגד

Dr. med. J. BETTE

ספּעציאַל-אַרצט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

Piotrkowska 6, tel. 144-95

נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—6 נאָכמ.

ווינער ארטאפעדישע פראצאווניע

— אונטער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט — מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וואַקלאַדקעס געגען פּלאַט-פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַטען א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28 וו. 1, פון 5—7 אָוועגד

Dr. med.

G. Gersztajn

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

Traugutta 12 (טראַוגוטאַ)

Telefon 175-10

נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָוועגד.

Dr. med. Z. DATYNER

אוראַלאָג

ספּעציאַליסט פאַר נירען-בלאָז און אורין-קראַנקהייטען

Piramowicza 2, tel. 148-95

נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און 6—8 אָוועגד.

Dr. med. H. Gutsztadt

אַקושער-גינעקאָלאָג

Zachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 129-52

נעמט אָן פון 5 ביז 7 אָוועגד.

Dr. Ludwik Falk

נאַווראָט 7, טעל. 128-07

הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוועגד.

Dr. L. PIKIELNY

UROLOG

ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטע

Nawrot 8. telefon 219-90

נעמט אָן פון 4-7 אָוועגד

Dr. med. Adam Bender

נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75

Dr. med. M. Lerner

קינדער-קראַנקהייטען

זאַכאָדניאַ 64, טעל. 113-09 נעמט אָן פון 3—5

ענגלאַנד וועט פערטיידיגן פוילען אין געניף

ערקלערונג פון הענדערסאָנ'עס אוזבריאַנ'עס וועגען דייטשער אַנגריף אויף אויבערשלעזיען

ענגלאַנד וועט פערטיידיגן פוילען געגען דייטשלאַנד אין געניף

פאַריז, 15. (פּ.) [illegible]

ליקווידירט דעם סכסוך אין די ענגלישע ציוניסטישע גרופּעס

לאָנדאָן, 15. (פּ.) צום „אָרדער [illegible]

קלאַנג-פילם-טעאַטער

CASINO

היינט און ווייטערדיגע טעג!

די גרעסטע פילם-רעוועלאַציע פון דער וועלט!

ITA RINA

שפּילט די הויפּט-ראָל אין גרעסטן פילם-סוקצעס פון דער לעצטער צייט

„פון וואַנען מ'קאָן נישט צוריקקומען"

[illegible]

וואָס איז די נאַכט-פּאָגראָמווּצ פאַר'ן יודישען לאַדז?

[illegible]

וואָס זאָגען די רעוויזאָרען פון דער לאָדזשער קהלה?

[illegible]

מאַסקענבאַל לטובת „יודזשער אַדיסקא"

[illegible]

גרויסע ערד-ציטערניש אין מעקסיקא

אונטערגעשריבען דער פּויליש-רומענישער פריינדשאַפטס-אָפּמאַך

שטאַרקע ערד-ציטערניש אין מעקסיקא

מעקסיקא, 15. (ט) א שטאַרקע ערד ציטערניש איז היינט פאָרגעקומען אין מעקסיקא. די ערד-ציטערניש האָט מען געפילט כמעט אין גאַנצען לאַנד. שוין זענען פיל יאַהרען איז אין מעקסיקא נישט פאָרגעקומען אַזאַ שטאַרקע ערד-ציטערניש. ס'זענען פאַרהאַן 25 פאַרוואונדעטע. און 2 שטעט איז אויסגעבראָכען שרפות. 50 הייזער זענען איינגעפאַלען.

אונטערגעשריבען דער פּויליש-רומענישער פריינדשאַפטס-בונד

נעגאַ, 15. (פּ.) הינט 11 פריה איז אונטערגעשריבען געוואָרען דורך מיניסטער זאַלעסקי און מיראַנעסקו דער פּויליש-רומענישער פריינדשאַפטס-אָפּמאַך, וואָס פאַרלענגערט דעם פּויליש-רומענישען גאַראַנטיע-אָפּמאַך פון 1926.

פאַר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל

דער קרן היסוד קאַמפּיין ווערט ענערגיש געפיהרט

דער הויפּט-פאַרלעגער „קרן היסוד"-קאַמפּיין, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבען און צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעזוך פון הויפּט-דירעקטאָר פון „קרן היסוד" אין ירושלים, דאָקטאָר לייב יפה, ווערט ענערגיש ווייטער געפיהרט. די אַקציע ווערט איצט אָנגעפיהרט דורכ'ן דעלעגירטען פון קרן היסוד דירעקטאָריום, ה' אשר קאַלאַרני פון תל-אביב, און עס בעטיילינען זיך אין איהר די אָנגעזעהענסטע עסקנים.

מיט צופרידענהייט מוז מען פעסט-שטעלען, אז נישט קוקענדיג אויפ'ן העשר-שווערען קריזיס, איז די בעציהונג צו דער זאַמלונג א זעהר ערנסטע און די קהל'יי עסקנים טרעפען אומעטום א זעהר וואַרימע אויפנאַהמע.

הרב ר' בנימינ'על שליט"א מראַדאָשין איז געקומען אויף דער יאַהר-צייט פון זיין פאָטער ר' אשר אנשל זצ"ל און שטעהט איין דעם שבת פ' וארא שינקל-גאַס 10. 251

צי ווייסט איהר?

אַז צוליב'ן קריזיס ווערט אָנגענומען אין דער כעמישער וועשעריי און פאַרבעריי

„עקספּרעס" אין לאָדז, צעגעלניאַנא 12

צו וואַשען און צו פאַרבען אַלערליי גאַרדעראָבען און וועש מיט 20% בילינער ווי איבעראַל. אַלערליי אויפּטראָגען ווערען פּינקט-ליך און געוויסענהאַפט אויסגעפיהרט. די אויפּטראַגען ווערן אויך אָנגענומען פאַר'ן אָפּנעהמען און אָפּשיקען טעלעפאָניש № 193.20 אַהיים ווערט נישט גערעכנעט.

„ווירדאַ"

שבת דעם 17 ד. ח. 9 אַ זייגער אָוועגד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל שענקעוויטשאַ 26

א פאַרלעזונג פון ה' ד"ר יוריס

דעלעגאַט פון „קרן קימת"-צענטראַלע אין ירושלים

א.ד.ט.: „די ראָל פון דער יודישער פרוי אין אויפבוי פון א"י"

מאָרגען ש"ק פ' וארא, כ"ח טבת, איז די ערשטע יאָהרצייט פון אדמו"ר הרה"ק אברהם שלמה זצ"ל מאָרגענשטערן חתן אדמו"ר הרה"ק שלשלת היוחסין מראָספּשע פון פּאָלודניאָווא 21

זונטאַג 9 אַ זייגער אין דער פריה וועט דער רבי שליט"א זיין אויף דעם אוהל.

א פּאַטעפאָן

לוקסוסאָווע

אין ווערט פון 300 זל. געלעגענהייטליך זעהר ביליג צו פערקויפען פּילסודסקיעגאָ 16, וו. 9 פּאַרטער

א רייזענדער

אויף גרויס - פּוילען און פּאָמערן קאָן נאָך אָננעמען אַ פערטרעטונג. פון יעדער בראַנזשע. אָפּערטען אין רעדאַקציע אונטער „190".

אכטונג, ה פאַבריקאַנטן

איך מאַך בעקאַנט, דאָס איך נעהם אָן אַלע סאָרטען סחורות צום שטאָפּען און צו נופען איך מאַכע גוט, שנעל, און ביליג ראַבינאָוויטש צעגעלניאַנאַ 61. 249

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליד ה' יוסיל ריינפעלד צוליב דעם טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

פעלא

דער מעטאַל-צעך

ביים צענטר. האַנדווערקער-פערבאַנד פּאָלודניאָווא 4

יין כשר!

אויב איהר האָט נאָך נישט געטרונקען דעם בעוואוסטען ראַזינען-ווין „פּראַגרעס 7 №" דאַן איבערצייגט איך, אַז איהר בעראַבט אייך און אייער פאַמיליע הנאה צו האָבען פון ווין. צוליב אַ רעקלאַמע פערקויפען מיר

7 № אַ פלאַש פון 1/4 ליטער גוטען ראַזינען-ווין נאָר 65 גראָשען

אַ באַטשינקע דעם זעלבען נומער 1.50 זל. אַ קוואַרט 2 זלאָטים.

צו דער בעקוועמליכקייט פון ד' פּובליקום בעקומט מען אויך דעם ווין „פּראָגרעס" 7 № ביי:

ח. בלאַנקעט, גלובנאַ 69.

לערע פלעשער צאָהלען מיר 5 גראָשען 1/4-ליטערדיגע און צו 10 גר. באַטשינקע און קוואַרטענע

מיט אכטונג

ווין- און מעהד-פאַבריק פירמע „פּראָגרעס" אַלטער מאַרק 2, טעל. 184-82.

בעמערקונג: אויפ'ן גרינעם מאַרק בעזיץ איך נישט קיין פיליע.

פאַרלעזונג פון ד"ר ש. יוריס

אין דער פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציונ. אָרגאַניזאַציע

מאָרגען, שבת האַלב 7 אָוונט קומט פאָר אין פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציונ. אָרג. (צעגעלניאַנאַ 4) אַן אינטערעסאַנטע פאַרלעזונג אויף ד.ט.: „די יודישע יוגענד אין אייראָפּאַ, אַמעריקאַ און ארץ ישראל". רעפערירען וועט דער דעלעגירטער פון דער קרן קימת צענטראַלע אין ירושלים, ד"ר א. ש. יוריס, וועלכער וויילט איצט אין אונזער שטאָט. דער איינגאַנג צו דער פאַרלעזונג איז פריי.

אינספעקציאַנט איבער די יודישע לימודים אין „בית אולפנא"

די יודישע גימנאַזיע „בית אולפנא" אין לאָדז האָט איצט געשאַפען אַן אינספּעקטאָראַט, וועלכער וועט האָבען די השגחה איבער די יודאַאיסטישע לימודים, וואָס ווערען געלערנט אין א זעהר גרויסער מאָס אין דער דאָזיגער גימנאַזיע. אַלס פיהרער פון אינספעקטאָראַט איז בעשטימט געוואָרען דער בעקאַנטער יודישער געלעהרטער, הרב ר"ר שמחה טרעסטמאַן.

דעמאָנסטראַציע פון לאָדזשער טעקסטיל-אַרבייטער

פאַר דער וואָיעוואָדשאַפט צוליב דער לוין-רעדוקציעס

(ס) נעכטען איז פאָרגעקומען אַ דעלעגאַטען-פערזאַמלונג פון פעראיין „פּראַצאַ". עס איז בעריהרט געוואָרען די פראַגע וועגען לוין-רעדוקציעס אין די פאַבריקען פון לאָדזשער קרייז.

עס איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע אונטערצוגעמען אַן ענערגישע אַקציע ביי דער רעגירונג און צו פאָדערן נישט צו דערלאָזען פון קיין עוולה די אַרבייטער, וועלכע לעבען סיי-ווי-סיי אין די ערגסטע בעדינגונגען.

ס'איז זאָגאַר בעשלאָסען געוואָרען דורך א דעמאָנסטראַציע פאַר דער וואָיעוואָד-שאַפט אויסצודריקען די פערביטערונג פון די טעקסטיל אַרבייטער. דערביי וועט א דעלעגאַציע איבערלאַנגען דעם וואָיעוואָדע א מעמאָריאַל.

פון „החלוץ-המרכזי" (צעגעלניאַנאַ 4)

שבת דעם 1. 17. ד. י. 7 אזייגער אָוונט, קומט פאָר דער המשך פון דער אויסעראָרדענטליכער פערזאַמלונג. רעגלט אָנטייל צו נעמען און דער פערזאַמלונג האָבען נאָר די חברים-ות וועלכע בעזיצען מיטגליד'ס קאַרטען.

„הזמיר" אַל. קאָשטשושקי 21

מיטוואָך, דעם 21-טען יאַנואַר 1931 8.30 אַ זייגער אָוו.

פידעל-רעציטאַל

פון

בראָניסלאַווא ראָטשטאַדט

ביים קלאַוויר: פּראָפ. טעאָדאָר רידער.

אין פּראָגראַם געהען אַריין די שאַפונגען פון קאָרעלי, לאַלאָ, מאָצאַרט, פּאַגאַניני, פּראַוואַזניק, קרייזלער א. א.

בילעטען צום פרייז פון 1 ביז 4 זל. צו בעקומען אין דער פירמע מ. בערמאַן (פּעטריקאָווער 53) און אין טאָג פון קאָנצערט ביי דער קאַסע פון „הזמיר".

„ווויוואַט, זאַקאַפּאַנע"

היינט און טעגליך!! גרויסע רעווי - שלאַגער-פּרעמיערע! נייעסטע פּערל פון די רעווי - שלאַגערן!

רעווי-טעאַטער „Dobry Wieczór"

אין אייגענעם נייעם לאָקאַל אויף קאָפּערניקאַ 16, טעלעפ. 184-66.

צוזאַהער מיט די טראַמוואַיען: 5, 6, 8, 9 און 16.

פּ. Melodystówna, ווי אויך דער ליבלינג פון לאָדז פילם-שטער י. [illegible] באַטייל דער גאַנצער קינסטלערישער-אַנסאַמבל: רענסקאַ, טאַמסקאַ, יאַנעצקי, קאַווארסקי, דאָמבראָווסקי גראַבאָווסקי, — — ווי אויך די ניי אַנגאַזשירטע אַרטיסטינס IRENA RÓZIŃSKA אַרטיסטין פון „Qui Pro Quo" HELENA BORZEWSKA — — —

קינסטלערישער לייטונג: K. Brzeski רעזשי: M. Dąbrowski קאַפּעלמייסטער: St. Sternblic דעקאָראַציעס: St. Frasiak

טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 7.30 און 9.30 אָוו. שבת, זונטאָג און יום-טוב 5.30, 7.30 און 9.30 אָוו. — צו דער בעקוועמליכקייט פון ד' פּובליקום וועט דער פערקויף פון בילעטען פאָרקומען אין „Reklama Polska" פּעטריקאָווער 101.

לאדזער טאגעבלאט
דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענד
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.
אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעדאקציע 100-57, אדמיניסטראציע 100-47

די פאליטיק פון דער וואך

די אנגעגליהטע אטמאספערע. – דער קאלטער טויט אויף די דײטשע העץ-קעפ. — בריאן, זאלעסקי און העש. — צי וועט דער פעלקער-בונד אויסהאלטען דעם עקזאמען?

די איבערראשונג צו דער אינטימער סע-סיע פון פעלקער-בונד האט אין זיך גאנץ שטארקע טענער פון הארמאטען-רעדנער און ביקסען-שיסערייען. עס שאפט זיך דער איינדרוק, אז אייראפא לעבט איצט איי-בער טעג, וואס דערמאנען זעהר שטארק די ערשטע העלפט פון זומער 1914. די לופט איז אנגעגליהט מיט שוועבעל און די אטמאספערע פול מיט גיפטיגען גאז. אבער דאס איז נישט מעהר ווי אן'אוי-ווערטורע, אנ'אײנלײטונג צום קאנצערט, וואס הייבט זיך אן מאנטאג דעם 19. ה. ח. אין גענף — די ערשטע סעסיע פון פעלקער-בונד אין יאהר 1931.

מיר האבען שוין אין די פֿריהערדיגע ארטיקלען געשריבען, אז קיינמאל האט זיך נאך די וועלט נישט צוגעקוקט מיט אזא געוואלטיגען אינטערעס צו א סע-סיע פון פעלקער-בונד, ווי איצט; קײן מאל האט נאך די וועלט נישט געלייגט אזוי פיל האפנונג אויף גענף, ווי דאס מאל, **און קײנמאל און די לעצטע 12** יאהר איז נאך די געפאהר פון מלחמה נישט געווען אזוי נאהענט ווי איצט.

אויף דער וועלט האט זיך אנגעזא-מעלט אויפרייס-מאטעריאל: פולווער און גיפטיגע גאזען און די קעלערען פון די אלטע און נעהייטע ארסענאלען, און האס, שנאה, דורשט צו נקמה, שאוויני-סטישע חלומות און די קעלערען פון דער מענשליכער נשמה.

די אינטימע סעסיע פון פעלקער-בונד ווערט דעריבער געשטעלט פאר'ן ערנס-טען, ערנסטען עקזאמען.

צי וועט ער קאנען איינהאלטען די צוי-זאמענשטעלונג פון שאוויניזם און דער-האלטען דעם שלום אויף דער וועלט, אדער ער וועט זיך ארויסווייזען פאר א לא-יוצלח, פאר אנ'אומגעלומפערט מיט-פערשטענדיגיש פון דער געשיכטע, וואס קומט נאר אפ מיט הוילע, פוסטע פראזען, און ווען עס קומט צו עפעס, לאזט ער נאך די לוצעם פונ'ם גאנג פון די געשעהענישען.

די געשעהענישען און די לעצטע פאר טעג דערוועקען אבער די האפנונג, אז דער פעלקער-בונד וועט דאס מאל שטעהן אויף דער הויך פון זײן אויפ-גאבע.

דער פראנצויזישער אויסערן-מיניס-טער בריאן האט מיטוואך אפגעהאלטען א קאנפערענץ בעזונדער מיט'ן מיניס-טער זאלעסקי און בעזונדער מיט דעם דײטשען באטשאפטער און פאריז. פון דער דאזיגער קאנפערענץ איז צו זעהן, אז פראנקרייך וועט זיך בשום אופן נישט לאזען אפשרעקען פון דעם דײטשען אלארם-גלאק. און אויב די אטמאספערע איז איצט גאנץ שטארק אנגעגליהט און הוים וועט די סעסיע פון פעלקער-בונד זיין דער קאלטער טוש אויף די היציגע קעפ פון דער דײטשער דעלעגאציע, און ווי וועלען דארט ווערען א ביסעל אפגע-קוהלט. נאך דער דאזיגער קאנפערענץ איז געווארען בעוואוסט, אז פראנקרייך שטעהט קודם כל דערצו, אז די דעבא-טע איבער די פויליש-דײטשע פראבלע-מען זאל ווערען בעגרענעצט שטרענג אין די ראהמען פון דער מינדערהײטס-פראגע. דאס גיט א געוויסען בעווייז, אז די פראנצויזישע אויסערן-פאליטיק האט אינגאנצען אנגענומען די שטעלונג פון דער פוילישער נאטע צום פעלקער-בונד. ווארום און דער נאטע ווערט געזאגט, אז דײטשלאנד איז מיט'ן מינדערהײטס-פראבלעם נישט אזוי ווײט אויסען די דײטשע מינדערהײט אין פוילען, ווי פא-ליטישע פונות. פראנקרייך, ווייזט אויס, האט אקצעפטירט די שטעלונג פון פוי-לען, און דעריבער האט זי בעשלאסען, אז די דעבאטע אויף דער סעסיע זאל זיך בעגרענעצען שטרענג און די ראהמען פון דער מינדערהײטס-פראגע אהן זיי-טיגע פאליטישע פונות. דער רעזולטאט פון דער דאזיגער קאנפערענץ גיט א בע-ווייז, אז פראנקרייך וועט שטארק אונ-טערשטיצען פוילען און פעלקער-בונד, און די דײטשע דעלעגאציע וועט ליידען אנ'ענטוישונג.

ווי עס זעהט אויס, פֿיהלט מען דאס שוין און דײטשלאנד זעהר גוט, און ווי גוטע און קלוגע סטראטעגיקער גרייט מען זיך שוין דארטען אפצוטרעטען אויף די „פֿון פֿריהער אויס בעשטימטע פא-זיציעס". מען האלט שוין דארט, אז די אינטימע סעסיע פון פעלקער-בונד וועט נישט ברענגען די ענדגילטיגע ענטשײ-דונג **און דער פראגע** פון די דײטשע מענות צו פוילען, און מען גיט שוין נאך אפען אנצוהערען, אז דײטשלאנד וועט געקאנט מספים זיין אויף אנ'אוים-פערשיעבונגס-קאמיסיע און איבער-שלע-זיען, אבער אונטער געוויסע בעדינגונ-גען. מען מאכט אלזא אפען פאר זיך א טירעל צו האנדלען און צו דינגען זיך, און קוים הויבט מען זיך אן צו האנד-לען און צו דינגען, מוז מען שוין ממילא אראפלאזען דעם טאן אויף א נידריגערע אקטאווע. עס זענען דעריבער דא גאנץ גרויסע האפנונגען, אז דעם פעלקער-בונד וועט געלינגען צו בעזייטיגען די סכנה פאר'ן שלום און אייראפא. און וועט זיך איהם דאס איינגעבען — וועט וואקסען זײן אויטאריטעט און פאפולאריטעט און די אויגען פון דער גאנצער וועלט.

און די לעצטע טעג האט זיך אפילו פערשפרײט א קלאנג, אז און דאס מאל ווען דער פעלקער-בונד וועט נוטה זיין צו פוילען, וועט דײטשלאנד דראהען מיט [illegible]. דײטשלאנד און די אנדערע „אונצופרידענע" מלוכות פון אייראפא וועלען דאן אפגעבען אנ'ערקלערונג, אז זיי טרעטען ארויס פון פעלקער-בונד און שאפען אנ'אייגענע אינטערנאציאנא-לע קערפערשאפט. דאס איז אבער נישט מעהר ווי א דראהונג. דערצו ערלויבען נישט די פינאנציעלע און ווירטשאפט-ליכע בעדינגונגען פון דײטשלאנד. און אנ'איינציגעם „צווייטען אינטערנאציא-נאל" פון אונצופרידענע מלוכות, וואלט דײטשלאנד געשפילט די ערשטע פידעל, ס'איז אבער טויזענד מאל גלייכער צו זיין דער צווייטער אדער דריטער און גענף, ווי דער ערשטער און רוים, און דער חברותא בלויז מיט מוסאליני'ן, בולגאריען, אונגארן וכדומה. דערצו ער-לויבען איהם נישט די פינאנציעלע און ווירטשאפטליכע בעדינגונגען.

עס איז דעריבער אנצונעהמען, אז דאס איז טאקע נישט מעהר, ווי א דרא-הונג, א פרוב אזא צו לאזען זיך אויף דער גלויטש, ווארום עס קאן דאך אמאל זיין, אז מען זאל זיך ארויסגליטשען...

יעדער ניכטערער מענש ווייסט אבער, אז אויף א שארפער גליטש קאן מען זיך גיכער אויסגליטשען און צובראכען א פוס, און דעריבער הערען זיך טאקע שוין שטימען און דײטשלאנד, אז מען זאל זיין נאכגיביגער און נישט פאדערען צו-פיל.

ב. ז-וו.

נייע אספת הנבחרים קומט זיך צונויף דעם 4. פעברואר

אינזש. רוטענבערג זיך געזעגענט מיטן ועד-הלאומי

ירושלים, (יטא) אין תל-אביב איז פארגעקומען א זיצונג פון ביז-איטיגען ועד-הלאומי, וועלכער בלייבט נאך אין אמט ביז'ן צונויפקומען זיך פון דער אספת-הנבחרים, וועלכע וועט וועהלען א נייעם ועד-הלאומי. אויף דער זיצונג איז בעשלאסען געווארען צונויפצורופען די ניי-געוועהלטע אספת-הנבחרים אויף דעם 4-טען פעברואר. דער דאזיגער בעשלוס איז אנגענומען געווארען נישט קוקענדיג אויף דער מיינונג פון אינזש. רוטענבערג, אז עס איז נויטווענדיג תיכף צונויפרופען די אספת-הנבחרים צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאגע.

אינזש. רוטענבערג האט נעדאנקט דעם ועד-הלאומי פאר דער הילף, וואס איז איהם ארויסגעוויזען געווארען בעת דער קאדענץ פון זיין פרעזעסור. ער האפט, אז אלע ניי - געוועהלטע מיט-גלידער פון דער אספת-הנבחרים וועלען ארויסווייזען דעם נויטווענדיגען פער-אנטווארטליכקייט-זין.

אין א לייט-ארטיקעל שרייבט „הארץ" דאס הגם אינזש. רוטענבערג האט זיך פארמעל געזעגענט מיט'ן ועד-הלאומי, איז זיך דאך נישט פארצושטעלען, אז ער זאל זיך אפזאגען דינען דעם ישוב ווען ער וועט דערצו גערופען ווערען

ביי פערדייאונגס שטערונגען, מאגען-ווייטאג אי-בילקייטען, קאפ-שמערצען, נערווען-רייצונגען ווירקט דאס נאטירליכע ביטער Franciszka Józefa ביטער-וואסער און פערלייכטערט די בלוט צירקו-לאציע.

שענדליכער שקר-בלבול

פון א דײטשער שריפטשטעלערין אויף די פוילישע יודען

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") —:— פון מ.—כ.

אז איך אונז ידיען וועגען פון צייט צו צייט אויסגעמאכט פֿערשידענע בל-בולים און בייזע בעשולדיגונגען, איז קײן נײעס נישט. שוין פון אור-אלטע צײטען טראגט מען א שנאת חנם אויף אונז, וואס דריקט זיך אויס אין אומגלויב-בערע שקרים, און שענדליכע בלבולים און אין אומבאגרינדעטע רכילות.

אויב פאר די בלבולים פון די עלט-סטע היסטארישע עפאכעס לאזט זיך נאך געפינען א שטיקעל ערקלערונג, למשל: רעליגיעזער פאנאטיזם, גײסטי-גע אבגעשטאנענקײט, אנאלפאבעטיזם, און אבער און אונזער צײט, און יעדער הונדערט פון העכסטער אויפקלערונג, און דער עפאכע פון וואונדערפולסטע ערפינדונגען, און א תקופה פון מיט-מענשען-ארגאניזירטער און ענטוויקעלטער סטאטיסטיק אויף אלע געביטען פון וויסענשאפט און סאציאלע פראגען, שווער צו געפינען א בערטײדי-גונג פאר א שקר-בלבול. נאך אונפער-צײליכער איז עס, ווען דער שקר-בלבול ווערט ארויסגעזאגט בעוואוסטזיניג, אויסגעטראכטעט און נישט בלפֿי יחידים, נאר בלפֿי א גאנצען קבוץ, שוין נישט פון אונוויסענדע, אונפֿעראנטווארטליכע פֿער-שוינען, נאר דווקא פון א העכסט-געבילדעטער פֿערזענליכקײט. נאך מעהר טרויעריג איז, וואס א רעדאקציע פון אן ערנסטער צײטשריפט געפינט פאר מעגליך צו פֿערעפֿענטליכען אויף איהרע שפאלטען נישט קאנטראלירטע און גאר דורך פאקטישע האטען בעוויזענע ידיעות וועגען דעם גאנצען קבוץ פון פוילישע יודענטום, נישט געבענדיג פון זיך קײן שום בעמערקונגען, קײן שום קאמענטא-רען.

און דײטשלאנד ערשײנט א זשורנאל. „די וועלט-בוהנע" מיט א ליבעראל-דע-מאקראטישער טענדענץ. פון צײט צו צײט ברענגט די דאזיגע צײטשריפט אקטועלע ידיעות און אינטערעסאנטע בא'שרײבונגען פון פֿערשידענע לענדער, וועגען קולטורעלען מצב, לעבענס-פאר-מען, רעליגיעזע מנהגים און געזעלשאפט-ליכע זיטען פון פֿערשידענע פֿעלקער. אפטמאל בעווייזען זיך אין דער דאזיגער צײטשריפט ארטיקלען און אפהאנדלונ-גען וועגען יודישע ענינים, וועלכע זענען אין אלגעמײן אביעקטיוו געהאלטען.

צו אונזער גרעסטער איבערראשונג אבער געפינען מיר אין דעצעמבער-העפט פון דער „וועלט-בוהנע" אן'אר-טיקעל פון דער דײטשער שרײבערין יו-ליע בלאזיוס אונטער דעם קעפעל: „מעדכען-האנדעל", און וועלכען זי בע-שרײבט בכלל דעם שענדליכען האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה און פראסטיטו-ציע, און זאגט בנוגע די דאזיגע ערשײ-נונגען בײ די „מזרח-יודען" ארויס אזא „מיינונג", וואס וואלט זיך גוטער גע-פאסט פאר'ן ערגסטען שונא ישראל און א שמוציגסטען, יודען-פײנדליכען בלאט-פלעט, אבער נישט און א צײטשריפט מיט א לינקס-ראדיקאלער ריכטונג!

די פֿערפֿאסערין קומט צום אויספֿיהר, אז א האנדעל מיט מײדלעך איז אײ-גענטליך נישטא. עס קומט בלויז פאר א געשעפטליכער אויסטויש פון פראסטי-טואירטע און א וואנדערונג פון איין לאנד אין אנדערען פון אײראפא אין די לענדער מעבר לים. דאס איז אבער נישט קײן אײגענטליכער האנדעל מיט אונ-פֿערדארבענע, יונגע מײדלעך. נאר אין פאלק מאכט מען דערין אן'אויסנאהם: דאס זענען די „מזרח-יודען"!

מיר ברענגען דא ווערטליך דעם דא-זיגען טייל פון ארטיקעל:

„דא (ד. ה. בײ די מזרח-יודען) זענען עס באמת יונגע, אונשולדיגע מײדלעך, וועלכע ווערען נישט אין גע-היים פֿערשיפֿט קײן בוענאס-אײרעס, נאר ווערען דירעקט פֿערקויפט אהין דורך זײנע יודישע עלטערן. דאס קומט פאר אויף פאלגענדען אופן:

„דער יודישער פֿערמיטלער בעזוכט בכיוון (מיט פֿארליבע) זעהר ארימע און מיט פֿיל טעכטער געבענטשטע יו-דישע פאמיליעס. מיט דער ערשטער טאכטער שרײבט ער געוועהנליך תנאים און שטעלט אויך א חופה. די יונגערע שוועסטערן, אויב זיי זענען טויגבאר פאר'ן געשעפט, נעמט ער שפעטער אראפ צו זיך. דער פרײז ווערט ריכטיג אויסגעהאנדעלט און דער קאנטראקט, לויט וועלכען דער מעקלער איז זיך מתחייב צו שיקען פאר די עלטערן א בעשטימטע סומע מאנאטליך, ווערט געגענזײטיג אונ-טערגעשריבען, אויך פון דער יונגער טאכטער, וועלכע ווערט זאגאר דערצו געצוואונגען דורך די עלטערן, ווען זי טוט עס נישט פֿרייוויליג.

„איך האלט עס פאר אויסגעשלאסען, אז בײ די דאזיגע, זעהר אפט פאר'קומענדע טראנזאקציעס, זאלען די עלטערן נישט וויסען, וואס עס גע-שעהט און אזא פאל מיט זייער טאכ-טער. ווען אפילו אזא פאקט זאל בלויז אין אײנצעלנע פאלען פארקו-מען, דארף לכל הפחות דער ארטי-גער רב וויסען, וואס דא געשעהט און ווארענען. אויך די שרעקליכע עלענד פון די פוילישע געטאס ענטשולדיגט בשום אופן נישט אזא האנדלונג פון די יודישע עלטערן. די העבערע בע-שולדיגונג טרעפט די אפיציעלע פֿער-טרעטער און פֿארשטעהער פון דער יודישער רעליגיע, וועלכע ערציהען די מענשען (יודען) און א בלינדען נאציאנאליסטישען גלויבען, אז עס איז בעסער אויסצוגעבען זײן קינד פאר'ן ערגסטען בעסטען יודישען אויס ווארה, איידער צו דערלאזען א יודי-שע טאכטער חתונה צו האבען מיט אן'ערענטליכען נישט-יוד."

זעלבסטפֿערשטענדליך ברענגט נישט די פֿערפֿאסערין פון ארטיקעל קײן שום בעווײזען פאר דעם דאזיגען נידערטרעכ-טיגען בלבול. מיר קאנען דערפֿון בלויז דרינגען, אז די שרײבערין האט נישט קײן שום בעגריף פון דער גרויסער צאהל בוכער, בראשורען, ארטיקלען און קול-קורא'ס, וואס זענען שוין און ווערען אויך אויך פֿערעפֿענטליכט מצד די יו-דען, אדער זי האט אפשר יא געלעזען אײניגע פון די אויסגאבען, נאר זי פֿער-דרעהט די פאקטען און שטעלט זיי פאר בכיוון און אנ'אנדער בעלײכטונג.

ווען דער דאזיגער ארטיקעל וואלט געווען געדרוקט ערגיץ-וואו און אנ'עקס-טרעם-אנטיסעמיטיש שונד-בלאט, וואו עס ווערען סיסטעמאטיש געבראכט די אומגעלומפערטסטע שקרים אויף יודען, וואלטען מיר דערפון קײן ווערט נישט געמאכט. אבער ווען א לינק-ראדיקאלער זשורנאל, ווי די „וועלט-בוהנע", לאזט זיך אראפ אזוינס צו פֿערעפֿענטליכען, און דערמיט צו פֿערשפרייטען קײן נישט בעוויזענע, און נישט קײן קאנטראלירטע ידיעות וועגען יודישען פאמיליען און סאציאלען לעבען, איז דאס זעהר און זעהר טרויעריג!

מיר ווייסען אליין און פֿערלייקענען עס נישט פאר דער וועלט, אז אויך בײ אונז זענען פֿאראן אונפֿעראנטווארטליכע פֿערשוינען, אויסוואורפען, אלפאנסען און בעזוכער פון בתי-זונות. צווישען א בעפעלקערונג פון פערצען מיליאן מענ-שען קאן זיך געפינען א געוויסע צאהל „טמאים", פֿערשטויסענע פון דער גע-זעלשאפט. מיר ווילען זיך אויך נישט ארײנלאזען אין וכוחים, בײ וועמען פון די אומות העולם איז די צאהל פון די דאזיגע אונגעוואונשענע עלעמענטען גרעסער. אבער, אז א גאנצער יודישער קבוץ, אלזא, דאס פוילישע יודענטום, זאל פיהרען בעוואוסטזיניג דעם שענד-ליכען האנדעל מיט אונשולדיגע, יונגע טעכטער, — דאס איז אנ'אונערהערטע שאנד-טאט!

עס וואלט דעריבער געווען כדאי:

1) ארויסצוטראגען דעם ענערגיש-סטען פראטעסט געגען דעם שקר-בלבול.

2) אויפפאדערן די רעדאקציע פון דער „וועלט-בוהנע", אדער די פערפא-סערין יוליע בלאזיוס צו געבען א בע-גרינדעטן בעווײז פאר איהרע שענדליכע בעהויפטונגען און אנווײזען אויף קאנ-קרעטע פאקטען פון פארמעלע, בע-וואוסטזיניגע-אפגעשלאסענע קניות פון יו-דישע טעכטער קײן ארגענטינא אדער אין א שאנד-הויז. (מיר זענען איבער-צייגט, אז זי וועט אזא פאקט נישט קאנען געבען!)

3) גאנץ בעזונדערס דארפען די יודי-שע פרויען-ארגאניזאציעס אין פוילען זיך פֿערנעהמען מיט דעם ענין, ארויס-טראגען דעם שארפסטען פראטעסט גע-גען דער פערפאסערין און אויפ'ן גרונד פון סטאטיסטישע מאטעריאלען און לי-טעראריש-וויסענשאפטליכע מסקנות אויפווייזען דעם שקר **וכזב** פון דער דײטשער שרײבערין.

—0S0—

די „זאפאלקע הלואה"

און וואס פוילען האט דערפאר בעצאהלט

די פוילישע פרעסע וועגען זאפאלקע-מאנאפאל, און וועגען דער דײטשער העצע געגען פוילען

אין צוזאמענהאנג מיט דער בודזשעט דעבאטע און סיים רעדט דער „ראבאט-ניק" ארום די „זאפאלקע הלואה", וואס פוילען האט בעקומען פון אויסלאנד פאר'ן פרייז פונ'ם זאפאלקע-מאנאפאל, וואס איז איבערגעגעבען געווארען אויף 35 יאהר און ארענדע צו אויסלענדישע קאפיטא-ליסטען.

אויסנוצענדיג די פינאנציעלע שוועריגקייטען פון דער רעגירונג צוליב אפ-פלוס פון אויסלענדישער וואלוטע, האבען די אויסלענדישע פינאנסיסטען דיק-טירט דער רעגירונג אזעלכע בעדינגונ-גען, וואס גיבען זיי א פריוויליגירטע שטעלונג און דער מלוכה. פאר זיי איז געענדערט געווארען דאס געזעץ וועגען אומזאץ-שטייער, זיי וועלען זיין די איינ-ציגע אונטערנעהמער און פוילען, וואס וועלען נישט פערפליכטעט זיין צו דער פראגרעסיע פון דעם דאזיגען שטייער. ווי א סימבאל פון פרשטענגטום האבען זיי זיך אין דער פוילישער מלוכה אויסגע-פועלט „א רײכשאפט שטייער".

דער „ראבאטניק" שרייבט ווייטער, אז „פיהלענדיג, אז עס קאן קומען א רעגירונג, וואס וועט זיך בעמיהען צו בעפרייען פוילען פון די שוועדישע בעלי טובות, האבען זיך די דאזיגע הערען פֿערזיכערט געגען דער דאזיגער עווענ-טואליטעט. אינ'ם אפמאך, וואס די רע-גירונג האט געשלאסען מיט דעם שוועדישען קאנצערן געפינט זיך נעמליך אזא פונקט: אויב די הלואה וועט אויס-געצאהלט ווערען טיילווייז אדער אינ-גאנצען פאר'ן טערמין וועט עס בשום אופן נישט האבען קיין איינפלוס אויפ'ן אפמאך, וועלכער איז גילטיג ביז'ן 30 סעפטעמבער 1965. און דעריבער וועט די מאכט פון די שוועדישע פינאנסיס-טען נישט זיין אפהענגיג פון די רעגי-רונגס-ענדערונגען און פוילען.

די ענדעקישע „גאזעטא ווארשאווי-סקא" פערגעסט זיך מיט דעם פויליש-דײטשען ליקווידאציע-אפמאך, וועלכער איז ווי בעוואוסט זעהר שטארק קריטי-קירט געווארען דורך'ן ענדעקישען פאר-שטעהער אויף דער לעצטער זיצונג פון סיים.

„עס איז נישט פֿערהאן קיין אין מענש אין פוילען — שרייבט די צייטונג — וואס זאל נישט שטרעבען צו פֿרײנדליכע בעציהונגען מיט אונזער שכן פון מערב. פוילען וויל און דארף האבען דעם שלום, אבער נישט פאר'ן פרייז פון דער נאציאנאלער און מלוכה-ווירדע. מיר פרעגען וואו איז פֿאראן א צווייטע מלוכה און אייראפא, וועלכע זאל אנגע-מען אזעלכע בעדינגונגען און א צייט, ווען מען איבט אויף איהר נישט קיין בעוואפענטען דרוק? אגב שטעלט זיך די פראגע, צי וואס אייגענטליך שטרעבט דאס אונזער רעגירונג אין איהר פאלי-טיק לגבי דײטשלאנד. עס איז דאך פאר קיינעם נישט קיין סוד, אז דײטשלאנד שטרעבט אפצורייסען פון אונז פאמא-רישע און די אנדערע מערב-געביטען. דער רעוויזיאניזם איז שוין לאנג געווא-רען די אפיציעלע פאליטיק פון דײטש-לאנד. דײטשלאנד פערשטעהט, אז פוי-לען וועט קײנמאל נישט פרייוויליג ענ-דערען איהרע גרענעצען, גרייט זי זיך צו א מלחמה, און דעריבער האט נישט קיין שום זין צו ראטיפיצירען דעם ליק-ווידאציע-אפמאך מיט דײטשלאנד, פון וועלכען פוילען האט פיל ווייניגער נוצען ווי דײטשלאנד".

דער „אילוסטראוואני קוריער קראַ-קאווסקי" שרייבט אזוי וועגען דער רייזע פון דײטשען קאנצלער ברינינג אין מזרח-פרייסען.

„א שטיקעל צייט פאר וואכען האבען די דײטשע צייטונגען געהאלטען און איין שרייבען, אז דער דײטשער קאנצלער וועט בעזוכען די „מזרח"-פראווינצען, כדי ער זאל קענען פערזענליך אויספאר-שען די סיטואציע. די צייטונגען האבען געשריבען, אז די רייזע האט אנ'אויס-שליסליך ווירטשאפטליכען כאראקטער, און אז דער קאנצלער וויל זיך נאר בלויז איבערצייגען, ווי ווייט עס האט גע-ווירקט דאס געזעץ וועגען דער „מזרח-הילף".

אבער וואס האבען די איינוואוינער פון מזרח-פרייסען געהערט פונ'ם קאנצ-לער? דער קאנצלער האט געזאגט: איהר דארפט נוט פיל האבען פון דער רעגירונג, ווארום די צייטען זענען שווע-רע. דערפֿון איז געדרונגען, אז די ווירט-שאפטליכע סיטואציע האט איהם נישט זעהר שטארק אינטערעסירט. איהם איז מעהר געגאנגען און דער פאליטישער סיטואציע בײ דער גרענעץ. עס האט זיך געהאנדעלט בלויז וועגען אנ'אנטי-פוילישע דעמאנסטראציע, וועגען „א גײסטיגער אנטי-פוילישער מאביליזא-ציע".

וואס פאר א קבלת פנים דער קאנצ-לער האט דארט געהאט, איז אונז שוין בעקאנט פון די דעפעשען. עס זענען איינגעארדענט געווארען ווילדע דעמאנ-סטראציעס. אויף עטליכע ערטער האט מען איהם אויסגעפייפט, עס האט זיך אפילו בלוט געגאסען... די היטלעריס-טען בעצייכענען דעם קאנצלער'ס אויס-פרעזע אלס א קאמעדיע, די סאציא-ליסטען זאגען ווידער, אז עס איז אנ'-אנטי-פוילישע דעמאנסטראציע און דאס פאלק ווידער שרייט: „נידער מיט'ן הונגער דיקטאטאר ברינינג!" א קאמי-פראמיטאציע אויף דער גאנצער ליניע. ברינינג האט זיך אויף דעם גאנץ זיכער נישט גערעכנט, א נישט וואלט ער גע-בליבען זיצען אין דער היים."

אינסטרוקציעס פארן א"י-הויך-קאמיסאר צו דער לויה פון מאולאנא מא-האמעד-אלי אין ירושלים

ירושלים, (יטא) ווי עס ווערט מיטגעטיילט, האט דער הויך-קאמיסאר פון א"י סער דזשאן טשענסעלאר בע-קומען פון דער לאנדאנער צענטראל-רעגירונג אינסטרוקציעס וועגען איבער-וואכען די ארדנונג אין ירושלים בעת דער לויה פון אינדישען פיהרער פון די מוזולמענער מאולאנא מאהאמעד-אלי, וועלכער וועט געבראכט ווערען צו קבורה אין אמאר-מעטשעט אין ירושלים. די אינסטרוקציעס זענען ארויסגעגעבען געווארען אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס עס ערווארט, אז אין דער לויה פון מאהאמעד-אלי וועלען זיך בעטיי-ליגען גרויסע מאסען מוזולמענער. ווי בעקאנט, שטאמט דער פראיעקט פון ברענגען מאהאמעד - אלי'ן צו קבורה אין ירושלים פון דעם ירושלים'ער הויפט-מופטי, וועלכער איז בעשטרעבט צו פערוואנדלען די לויה אין א גרוי-סער מוזולמענישער מאניפעסטאציע.

ווירטשאפטליכע נויט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין האלאנד

אמסטערדאם, (יטא) דער הער-שענדער ווירטשאפטליכער קריזיס האט שווער געטראפען די איבערוויגענדע מעהרהייט פון די האלענדישע יודען. די יודישע קהלות און פילאנטראפישע געזעלשאפטען האבען זיך דעריבער גע-זעהען געצוואונגען אנצונעמען בעזונ-דערע נויט-הילפס-מיטלען. אין א גע-וויסער מאס געזיכערט איז בלויז די לאגע פון די אנגעשטעלטע אין עפענט-ליכע אינסטיטוציעס און פון די קהלות. דאס מאכט אבער אויך קוים 1 פראצ. **פון דער יודישער בעפעלקערונג**, הגם יודען בעטרעפען 2 פראצ. (און אין אמ-סטערדאם זאגאר 10 פראצ.) פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג. די הכנסות פון צוגעהעריגע צו די פרייע פראפעס-יעס, ווי דאקטוירים, דענטיסטען און אדוואקאטען (יודען מאכען אויס א בע-דייטענדען פראצענט אין די פרייע פראפעסיעס) זענען שטארק געפאלען. דער קריזיס האט אבער צומשטארקסטען געטראפען דעם האנדעל, אין וועלכען עס איז טעטיג דער איבערוויגענדער טייל פון דער האלענדישער יודישער בעפעלקערונג. אין קליינהאנדעל הערשט איצט א ביטערע נויט.

די דיאמענטען - אינדוסטריע, וועלכע איז פריהער געווען א ריין-יו-דישער בערופס - צווייג, געפינט זיך איצט בלויז 50 פראצענט אין יודישע הענד. די ארבייטסלאזיגקייט אין דער אינדוסטריע איז אויסערגעוועהנליך גרויס. אג'ערך 2000 יודישע דיאמאנטען-שליי-פער זענען ארבייטסלאזע. די ווירטשאפט-ליכע אויסזיכטען אין האלאנד ווערען בעאורטיילט אויסערסט אונגינסטיג. בעזונדערס איז עס נוגע דער דיאמאנ-טען-אינדוסטרי וועלכע איז איינע פון די וויכטיגסטע צווייגען פון דער הא-לענדישער ווירטשאפט.

„דער גרויסער פערראַט"

רעוועלאַציעס וועגען דער ענגלישער ארץ-ישראל-פּאָליטיק.— די בריטישע רעגירונג איז בעוואוסטזיניג עובר אויף איהרע אינטערנאַציאָנאַלע פערפליכטונגען. — די דיפּלאָמאַטישע חנ'דלעך צו יודען, בעת דער מלחמה און די איצטיגע רשעות.

פון א. בערמאַן

אין „פרענאַטאַס", אַ נייער פון די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער פערלאַגען, איז איצט ערשינען אַ בוך (וואָס וועט פערבלייבען אַ היסטאָרישער דאָקומענט) ראָס בוך טראָגט דעם נאָמען „דער גרויסער פערראַט". אין די מחברים זענען ד"ר סטיפען ווייז און דזשייקאָב דע-האאַן. די מחברים בעגלייטען וויכטיגע אויספיהרונגען מיט אַ גאַנצער רייהע דאָקומענטען, צוקומענדיג צו פּאַספילד'ס פרייערדיג בעריהמטען „ווייסען בוך". היינט איז שאַרף ווערט און פיר אַרויסגעבראַכט, אַ דאָס דאָזיגע „ווייסע בוך" ... ענגלאַנד'ס אָפּמאַך מיט די קאָאַליציע און פערבינדעטע מלוכות, ציוני... די פעראייניגטע שטאַטען. בזיגע ... שאַפונג פון אַ יודיש-נאַציאָנאַלער היים.

דאָס בוך וואָס איז געווידמעט דעם ערשט פערשטאָרבענעם נאַטאַן שטראָוס, איז פערטראַכט געוואָרען פון ד"ר ווייז תיכף נאָך דער פערעפענטליכונג פון פּאַספילד'ס „ווייס בוך". ביידע מחברים ד"ר ווייז און דע-האאַן, בעשולדיגען ענגלאַנד, אַז דאָס „ווייסע בוך" איז דער רעזולטאַט פון אַ קאָנספּיראַציע צו פערוואַנדלען ארץ ישראל אין אַ בריטישער קאָלאָניע. און אַט דעם פערשוועהרונג, נישט געאַכט אויף דעם פעלקער-בונד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך איידער דער טינט פון די אונטערשריפטען אויפ'ן מאַנדאַט האָט זיך אויסגעטריקענט, האָבען זיך בעטייליגט בריטישע מיליטער בעאַמטע, צווישען זיי גענעראַל אַלענבי און בעאַמטע פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג.

די מחברים ווייזען דאָ אָן, אַז דער ענגלישער קאָלאָניאַל-אַמט האָט בסדר בכיון פערשוואַכט די באַלפור-דעקלאַראַציע, געמאַכט אַלערליי שטערונגען, פער ווערט יודישע אונטערטאַנען פון ענגלאַנד צו ווערען פּאַלעסטינער בירגער, דורך אַדמיניסטראַטיווע אַקטען, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין ענגלישע קרוין-קאָלאָניעס. ד"ר ווייז און דע-האאַן שטעלען זיך דאָ אָפּ אויף דעם שאָו-בעריכט, וואָס בעציהט זיך אויף די אַראַבישע אויסברוכען אין אויגוסט, 1929, און בעצוועקט צו לאָזען יודען און דער מאַנדאַט אין ארץ ישראל אין משך פון די קומענדיגע 50 יאָהר; דער דאָזיגער פּונקט איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דעם שעף-סעקרעטאַר מילס פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג. בכלל האָט דער שאָו-בעריכט די כוונה, ריינצוואַשען די פּאַלעסטינער רעגירונג פון איהר פעראַנטוואָרטליכקייט און די פּאַלעסטינער געשעהענישען. אַט די ריינוואַשונג און איז גרעסטען טייל די פערפאַסונג פון ד. ק. לאַיד, אַ בעאַמטער פון קאָלאָניאַל-מיניסטעריום, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער שאָו-קאָמיסיע.

די מחברים קומען דאַן צו דער סימפּסאָן-„אונטערזוכונג", דער ווייטערער שריט צו טויטען די באַלפור-דעקלאַראַציע, דעם מאַנדאַט און דעם אָפּמאַך מיט די אַנדערע מלוכות בנוגע אַ יודיש נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. דער ציל פון סער דזשאָהן האָפּ סימפּסאָן האָט געזאָלט זיין אויסצואַרבייטען אַ בעריכט בנוגע די אַגריקולטורעלע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער באַלפור-דעקלאַראַציע. דער סימפּסאָן-בעריכט איז נאָר אַרויסגעקומען און הסכם מיט דער גאַנצער אַנטי-דעקלאַראַציע-פּאָליטיק פון דער בריטישער רעגירונג.

דאָס בוך איז פול מיט דאָקומענטען און נעהמט אַרום די גאַנצע געשיכטע פון דער ענגלישער פּאַלעסטינע-פּאָליטיק פון 2-טען נאָוועמבער 1917, ביז'ן פערראַט דעם 20-טען אָקטאָבער 1930, — פון באַלפור ביז פּאַספילד. עס ווערט צווישען אַנד. געבראַכט אַן'אינטערעסאַנטער מעמאָראַנדום, וואָס דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין פעטראָגראַד האָט דעם 13-טען מערץ, 1916, צוגעשטעלט צום רוסישען אויסערן-מיניסטער, ס. ד. סאַזאָנאָוו, און וועלכען ער זאָגט: „עס איז קלאָר, אַז דורך אַטקציען קומען די ציוניסטישע אידעען, קאָנען דערגרייכט ווערען וויכטיגע רעזולטאַטען. איינע פון די רעזולטאַטען וועט זיין, וואָס די יודען אין מזרח, און די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ און אין אַנדערע לענדער — וועלכע זענען יעצט אַנטקעגען דער דעקלאַראַציע, וועלען ווערען בעשטימט פאַר דער קאָאַליציע.

אין דעם זעלבען מעמאָראַנדום ווערט אויך געזאָגט:

„דער איינציגער וואונש פון זיין מאַיעסטעט'ס רעגירונג איז צו געפינען אַ וועג, וואָס זאָל זיין צופרידענשטעלענד פאַר דער מעהרהייט יודען, און זאָל מעגליך מאַכען די פערזיכערונג פון יודישער אונטערשטיצונג. נעהמענדיג דאָס אין אַכט, האָט זיין מאַיעסטעט'ס רעגירונג איצט בדעה אויסצואַרבייטען אַ פּראָיעקט, וואָס וועט בעוויליגען די יודען — ווען די פּאַלעסטינער קאָלאָניסטען וועלען האָבען דערגרייכט אַ פּאָזיציע, וואָס וועט זיי ערמעגליכען צו פערמעסטען זיך אין כחות מיט די אַראַבער — די פערוואַלטונג פון זייערע איינענע אינערליכע ענינים אין ארץ ישראל (מיט דער אויסנאַהם פון ירושלים און די הייליגע ערטער).

נאָך אַ היסטאָרישער דאָקומענט און שיכות מיט די מלחמה-אויפגאַבען און נאָהענטען מזרח, איז דער קאָמוניקאַט וואָס די בריטישע רעגירונג האָט פערעפענטליכט אַ האַלב יאָהר פאַר דער פּובליקירונג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע. דאָרט ווערט געזאָגט:

„עס איז פאָרגעשלאָגען, אַז דאָס פאָלגענדע זאָל אָנגענומען ווערען אַלס דער פונדאַמענט פון אַ פּראָיעקט פאַר אַ יודישער ווידער-בעזעצונג אין ארץ ישראל, און הסכם מיט די יודיש נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס:

1). אַנערקענען פּאַלעסטינע אַלס די יודישע נאַציאָנאַלע היים.

2.) סטאַטוס פון דער יודישער בעפעלקערונג און פּאַלעסטינע בכלל: — די יודישע בעפעלקערונג, איצט און אין דער צוקונפט, איבער גאַנץ ארץ ישראל, זאָל בעזיצען און געניסען פולע נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און ציווילע רעכט.

3.) אימיגראַציע קיין ארץ ישראל: — די רעגירונג זאָל בעוויליגען פולע און פרייע רעכט די יודען פון אַלע לענדער איינצעוואַנדערען אין פּאַלעסטינע.

4.) די רעגירונג זאָל בעוויליגען אַ טשאַרטער פאַר אַ יודישער געזעלשאַפט וואָס זאָל בעזיצען די מאַכט צו ערהעבען און איבערצונעהמען קאָנצעסיעס אויף אַרבייט פון עפענטליכען כאַראַקטער וואָס קאָן זיין, אָדער קאָן פאַר דעם בעוויליגט ווערען דורך דער רעגירונג — קרוין-לאַנד און אַנדערע שטחים, וואָס געהערען נישט צו פּריוואַטע, אָדער רעליגיעזע געזעלשאַפטען. נאָך אַזעלכע פּריווילעגיעס און פולמאַכטען זאָל די דאָזיגע געזעלשאַפט האָבען.

5.) קהלה-פערוואַלטונג: — די יודישע קהלות אין ארץ ישראל דאַרפען געניסען פולע אויטאָנאָמיע אין אַלע ענינים, וואָס האָבען צו טון מיט ערציהונג, רעליגיע און אַלגעמיינעם קהלה-וואוילשטאַנד".

אָט מיט אַזעלכע ערקלערונגען און הבטחות האָט ענגלאַנד דערפלענדט די יודישע אויגען בעת דער מלחמה, נאָך פאַר דער באַלפור-דעקלאַראַציע גופא, אָבער ווי האַלטען מיר איצט, נאָך די אַלע הבטחות?

די מחברים ברענגען, צווישען די דאָקומענטען, דעם „מעסעדזש" פון קעניג דזשאָרדזש, וואָס דער דעמאָלדיגער הויך קאָמיסאַר, סער הערבערט סאַמועל, האָט דעם 7-טען יולי 1920, פאָרגעלייענט פאַר דער פּאַלעסטינער בעפעלקערונג. אין דער דאָזיגער ווענדונג האָט דער קעניג געזאָגט:

„איך איז גוט בעקאַנט, אַז די קאָאַליציע און די פערבינדעטע מלוכות האָבען בעשלאָסען אָנצונעהמען שריט, צו פערזיכערען די שטופּענווייזע שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר'ן יודישען פאָלק אין ארץ ישראל. די דאָזיגע שריט וועלען אין קיין פאַל נישט אָנרירען די ציווילע, אָדער רעליגיעזע רעכט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג אין ארץ ישראל".

אין בוך ווערט אויך ציטירט אַ בריף, וואָס פרינץ פייזול האָט דעם 5 מערץ 1919 געשריבען צו פּראָפ. פעליקס פראַנקפורטער:

„מיר אַראַבער, בעזונדערס די געבילדעטע צווישען אונז, קוקען מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע אויף דער ציוניסטישער בעוועגונג... מענשען, וואָס זענען ווייניגער אינפאָרמירט און ווייניגער פעראַנטוואָרטליך פון אונזערע פיהרער און אייערע פיהרער, און וועלכע איגנאָרירען די נויטווענדיגקייט פון צוזאַמענאַרבייט צווישען די אַראַבער און ציוניסטען, האָבען זיך בעמיהט אויסצונוצען די לאָקאַלע שוועריגקייטען, וואָס מוזען נויטווענדיגערווייז אַרויסקומען אין פּאַלעסטינע אין די ערשטע שטופען פון אונזער בעוועגונג.

„איך וויל אויך דאָ אַרויסזאָגען מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז די דאָזיגע שטרייטען זענען נישט קיין פראַגע פון פּרינציפּען, נאָר פּרטים, וואָס זענען אומפערמיידליך אין יעדער אונטערנעהמונג, אין יעדען קאָנטאַקט צווישען שכנות'דיגע פעלקער, און וואָס ווערען אויסגעגליכען דורך געגענזייטיגער פריינדשאַפט. איך קוק אויס צוזאַמען מיט מיין פאָלק, אויף אַ צוקונפט, ווען מיר וועלען העלפען אייך און איהר וועט העלפען אונז, אַזוי, אַז די לענדער, אין וועלכע מיר האָבען בשותפות אינטערעסען זאָלען ווידער פערנעמען זייער אָרט ... אין דער ציוויליזירטער וועלט".

אין זיין הקדמה צום בוך, שרייבט ד"ר ווייז צווישען אַנד.:

„גרויס-בריטאַניען האָט איבערגענומען אַ מאַנדאַט פון דער פעלקער-ליגע, צו פערווירקליכען די ... פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע. די דאָזיגע אַ פּראָבע איז נישט פערווירקליכט געוואָרען. דאָס „ווייס בוך" פון לאָרד פּאַספילד איז אַ פערראַט, אָבער דער אַפּעל פון ישראל — דער אַפּעל פון דער מענשהייט — געהט פון „ווייס בוך" פון לאָרד פּאַספילד צום געוויסען און עהרע פון באַלדווין'ס-ענגלאַנד".

=0§0=

טשיקאַווע געשיכטעס וועגען יודישע פאַמיליען-נעמען

(נאָטיצען)

פון ד"ר ז. קאַדיש

די יודען אין דײַטשלאַנד פערגינען זיך צו האָבען אַזעלכע אינסטיטוציעס און פעראיינען פאַר דער פאָרשונג פון יודישער געשיכטע און קולטור, וואָס ביי אונז, מזרח-אייראָפּעאישע יודען, וואָלט נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלען זיי צו גרינדען. און טאָמער וואָלט מען זיי יאָ גרינדען, וואָלטען זיי זיכער קיין קיום נישט האָבען אויף לאַנג.

ביי אונז איז ערשט אין די לעצטע יאָהרען געגרינדעט געוואָרען דער יודיש-וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט פאַר דער פאָרשונג פון דער יודישער שפּראַך אין ליטעראַטור און פון דער יודישער געשיכטע און קולטור און דער נייער צייט. דער יודיש-וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט איז צוטיילט אין מעהרערע אָפּטיילונגען, סעקציעס, און יעדע סעקציע פערנעמט זיך מיט אַ בעזונדערען געביט פון יודישען קולטור-לעבען. עס הייסט, אַז קיום וואָס עס האַלט זיך ביי אונז אַזאַ איינציגער אינסטיטוט.

די דײַטשע יודען אָבער פערגינען זיך צו האָבען ספּעציעלע געזעלשאַפטען פאַר דעם און יענעם ספּעציעלען געביט פון יודישער קולטור. אָט האָבען זיי אַן'אַלגעמיינע געזעלשאַפט צו ענטוויקלען די יודישע וויסענשאַפט. („געזעלשאַפט צור פערדערונג דער וויסענשאַפט דעס יודענטומס"), וועלכע האָט שוין אַרויסגעגעבען, און גיט נאָך כסדר איצט אויך אַלין ווייטער אַרויס, אַ לאַנגע רייהע מאָנומענטאַלע ווערק און יודישער געשיכטס-פאָרשונג. די דאָזיגע געזעלשאַפט גיט אויך אַרויס שוין אַ צייט מיט יאָהרען אַ חודש זשורנאַל פאַר יודישער וויסענשאַפט („מאָנאַטס-שריפט פיר די געשיכטע און וויסענשאַפט דעס יודענטומס").

אָבער די דײַטשע יודען בעגנוגענען זיך נישט מיט אַן'אַלגעמיינער געזעלשאַפט און אַן'אַלגעמיינעם זשורנאַל פאַר יודישער קולטור-פאָרשונג. זיי האָבען, למשל נאָך אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט פאַר דער פאָרשונג"), וועלכע ענטהאַלט זעהר אַ זעלשאַפט פיר יודישע פאָלקסקונדע"), וועלכע גיט אַרויס אַ פעריאָדישע שריפט און זיי פערגינען זיך אַפילו אַזאַ לוקסוס, ווי צו האָבען אַ ספּעציעלען פעראיין צו פאָרשען די געשיכטע פון יודישע פאַמיליען און פאַמיליען-נעמען.

אויך דער דאָזיגער פעראיין גיט אַרויס אַ פעריאָדישע שריפט („מיטטיילונגען דער געזעלשאַפט פיר יודישע פאַמיליען פאָרשונג"), וועלכע ענטהאַלט זעהר אַ רייכען מאַטעריאַל און זעהר אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און ידיעות און אַט דעם ספּעציעלען צווייג פון דער יודישער קולטור-געשיכטע. די דאָזיגע אַרטיקלען זענען עס פעראַנטוואָרטליך פאַר די אַלע זאַכען וועגען וועלכע איך שרייב דאָ

* * *

עס זענען דאָ אַ סך יודען, וועלכע ווייסען גאָר נישט, אַז מיט דעם נאָמען זייערע, וואָס זיי טראָגען, טראָגען זיי אויך גלייכצייטיג מיט זיך אַ קאַפּיטעל און גאַנץ אָפט אויך אַן'אינטערעסאַנטען קאַפּיטעל, יודישע געשיכטע.

איך וויל דאָ נעמען פאַר אַ ביישפּיל דעם פאַמיליען נאָמען קאַצענעלענבויגען. די מעהרסטע יודען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען, ווייסען גאָר נישט, ווי אַלט ער איז שוין. ווען זיי וואָלטען עס געוואוסט, וואָלטען זיי זיך געהאַלטען ביי איהם און איהם נישט געענדערט און געקירצט.

דער נאָמען קאַצענעלענבויגען איז שוין אַכט הונדערט יאָהר אַלט. ער איז אויפגעקומען ביי יודען אַרום דעם מיטען פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, אין די גזרות און פערפאָלגונגען פון צווייטען קרייץ-צוג. אַ סך יודען אין דײַטשלאַנד האָבען זיך דעמאָלט בעהאַלטען אין גראַטסעוועגט און אין די בורגען, די בעפעסטיגטע שלעסער, פון בעקאַנטע פריצים, פון גראַפען און פירשטען.

„אין יענע טעג", ווערט דערצעהלט אין דעם ספר „עמק הבכא", „זענען אַלע יודען פון דײַטשלאַנד ענטלאָפען, רעך דאָ און דער דאָרטען, און די פעלזען און אין די פעסטונגען, צו ראַטעווען זייער לעבען".

אָט דעמאָלט, אין יאָהר 1146, האָט עס פּאַסירט, אַז דריי יודען זענען מיט זייערע פאַמיליעס ענטלאָפען און בעפעסטיגטען שלאָס שטאַהלעק, נעבען בעריהמטען שטעטעל באַכראַך. דער פּריץ פון דאָזיגען שלאָס האָט געהייסען גראַף פאָן קאַצענעלענבויגען. האָבען אָט די יודען אָנגענומען דעם נאָמען פון דעם גראַף, וועלכער האָט זיי בעשיצט אין זיין שלאָס.

יענעם גראַף האָט זיכער נישט געקאָנט איינפאַלען, אַז די עטליכע יודען, וועלכע ער האָט געראַטעוועט און בעשיצט אין זיין שלאָס, וועלען פעראייביגען זיין נאָמען און פערשפּרייטען ליענדער פון דער וועלט, נאָכדעם ווי עס וועט שוין אַפילו קיין שפור נישט זיין פון דער גאַנצער מאַכט פון די דײַטשע גראַפען, פירשטען און בישאָפען.

דורך אַנב איז דאָ כדאי צו בעמערקען, אַז פון דער פאַמיליע קאַצענעלענבויגען האָט אויך געשטאַמט שאול וואהל, דער בעריהמטער בריסקער יוד, וועלכער האָט אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט אַזאַ גרויסע ראָלע געשפּילט, אַז עס איז געבליבען אַ לעגענדע, אַז ער איז, אין דער צייט צווישען דעם טויט פון סטעפאַן באַטאָרי און דער קרוינונג פון זיגמונד דעם דריטען, געווען איין טאָג אָדער איין נאַכט דער קעניג פון פּוילען. שאול וואהל איז געקומען קיין בריסק פון פּאַדוא (איטאַליען), וואו זיין פאָטער, ר' שמואל יהודה, איז געווען דער רב. זיין אמת'ער נאָמען איז געווען קאַצענעלענבויגען.

איך האָב דאָ געבראַכט דעם נאָמען קאַצענעלענבויגען פאַר אַ ביישפּיל. פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע אַזעלכע אַלטע יודישע נעהמען, וועלכע האָבען אַ לאַנגע און אינטערעסאַנטע געשיכטע הינטער זיך.

* * *

פון וועלכע קוואַלען שעפּט מען די ידיעות וועגען דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליען-נעמען?

דער ערשטער קוואַל איז אַ מינדליכער. אַ סך מעשיות און טראַדיציעס וועגען געוויסע יודישע פאַמיליען און פאַמיליען-נעמען זענען איבערגעגעבען געוואָרען מונדליך פון דור צו דור, פון די עלטערען צו די קינדער און פון די קינדער צו אייניקלעך, און אַזוי ווייטער. שבת און יום טוב פלעגט מען זיצען געמיטליך און פאַמיליען-קרייז און זיך דערציילען מעשיות פון די טאַטעס, זיידעס און עלטער-זיידעס. האָבען אָט די פאַמיליען מעשיות אַזוי, אַרום זיך דערהאַלטען מונדליך דורות נאָכאַנאַנד.

אָבער עס האָבען זיך געפינען מאַנכע יודען, וועלכע האָבען זיך נישט בעגנוגענט מיט'ן איבערגעבען די דאָזיגע פאַמיליע-טראַדיציעס מונדליך, נאָר זיי האָבען דאָס פערשריבען, און זיי נאָטיצען איבערגעלאָזען פאַר זייערע קינדער און קינדס-קינדער.

שריפטליכע קוואַלען זענען דאָ אַלערליי, פון וועלכע מ'שעפּט די ידיעות וועגען דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליען-נעמען. אַזאַ קוואַל זענען, צום ביישפּיל, אַלטע תנאים-פאַפּירען און כתובות פון די אַמאָליגע צייטען, דאָס מוהל בוך, אין וועלכען דער מוהל האָט פערשריבען אַלע אינגלעך, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט און דעם ברית פון אברהם אבינו, און נאָך עטליכע אַזעלכע רישומים און נאָטיץ-ביכער, וואָס זענען געפיהרט געוואָרען פון אַמאָל.

אַן'אונגעהייער רייכער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליעס זענען די אַלטע מצבות. אויפ'ן גרונד פון די אויפשריפטען אויף מצבות פון אַלטע בית עולם'ס זענען געשאַפען געוואָרען און די לעצטע עטליכע צענדליג יאָהר אַ סך בעדייטענדע ביכער איבער דער געשיכטע און דעם יחוס פון יודישע פאַמיליען. עס זענען פאַראַן אַזעלכע ביכער וועגען די יודישע פאַמיליעס פון פּראַג, פראַנקפורט, ראַפּאָפּ'ס, קראָקוי, ווין, בערלין און נאָך אַנדערע שטעט מיט אַלטע יודישע קהלות.

יודען האָבען אויך אויפגעצייכענט זייערע נעמען אויף דער אייגענע ווענטגעמעלדער זייט פון דעם מאָהל פון אַ כפר פלעגט דאָרטען אָפּט איינשרייבען אַ נאָטיץ וועגען דער און יענער וויכטיגער געשעהעניש און דעם לעבען פון דער קהלה, וועגען אַ מחלוקת, אַ מגפה אָדער אַ גזרה, וועלכע איז געהאַנגען איבער דער יודישער געמיינדע און איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דורך דעם און יענעם שתדלן.

אַזעלכע נאָטיצען אויף יודישע ביכער זענען געבליבען אַ סך פון דער צייט פון נאַפּאָלעאָן'ס מלחמות.

אַ היבש ביסעל ווייסען מיר אויך וועגען דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליען און פאַמיליען-נעמען, פון די הקדמות, וואָס יודישע מחברים האָבען אָנגעשריבען צו זייערע ספרים. אין די דאָזיגע הקדמות האָט דער מחבר געוועהנליך נישט פערגעסען אויסצורעכענען דעם יחוס פון זיין פאַמיליע אויף דורות און דורות צוריק, ווי אַ שטייגער די פאַמיליע קאַרא, וועלכע האָט געצויגען איהר יחוס פון ר' יוסף קארו, דעם מחבר פון „שלחן ערוך".

אָבער פיל וויכטיגער ווי די פון אויבען דערמאָנטע קוואַלען פון דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליעס, זענען די יודישע צייטונגען. פון וועלכע עס איז דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור.

פון די עלטסטע צייטען אָן האָט זיך געהערט ביי יודען, אַז פאַמיליעס געלאַזען ציאות, און וועלכע זיי האָבען דער פאַרמאָגען זייערע זאָל פערטיילט ווערען נאָכ'ן טויט, נאָר זיי האָבען אויך אַנגעזאָגט די קינדער און די אייניקלעך צו געהן אין גוטע דרכים, צו זיין פרום, צו געבען צדקה און אַזוי ווייטער.

אין די דאָזיגע צוואות ווערט אָפּט דערצעהלט וועגען דעם יחוס פון דער פאַמיליע און דערצעהלען זעהר אָפט נאָך מעהר ווי דאָס. פאַראַן אויך אַ סך צוואות פון די פערגאַנגענע צייטען, וועלכע גיבען אונז די געלעגענהייט אַריינצוקוקען און דעם גייסטיגען און מאָראַלישען לעבען פון יודישע פאַמיליעס און אויך פון דער גאַנצער קולטור-געשיכטע, וואו זיי זענען געשריבען געוואָרען.

אַ גרויסע רייכער אוצר פאַר דער יודישער פאַמיליען לעבען. און דער יודישער מאַמיליען געשיכטע זענען די צוואות פון הונדערט יאָהר צוריק, וועגען די עראַגעדיגע פון פרוי גליקעל, פון האַמעל, וואָס זי האָט געשריבען געוואָרען, און דײַטשלאַנד ביים סוף פון זיבעצעהנטען און אָנהויב פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט זיי אָרגינעלע שפּראַך פון דער פּיך איז יודיש. די ליטעראַטור איבער די נעמען איז יודיש פון די דײַטשע יודען און יענער צייט.

זיך איז אָבער זעהר טשיקאַווע, אַז דער דאָזיגער בוך איז שוין ערשינען אין צוויי דײַטשע איבערזעצונגען און אויך איז אַ העברעאישער איבערזעצונג איז ער ערשינען און דעם פעריאָד „דבירי". אויף יודיש אָבער, אויף אונזער מאַמע-שפּראַך, זענען די זכרונות פון פרוי גליקעל פון אויצט נאָך נישט אַ בערגעשריבען און געדרוקט געוואָרען, הגם דאָס איז איינס פון די גרעסטע און אינטערעסאַנטסטע ווערק פון דער אַלט-יודישער ליטעראַטור.

אַרום און אַרום איז דאָ אַן'אונגעהייער רייכער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יודישע פאַמיליען, פאַמיליען-נעמען און פאַמיליען-לעבען.

* * *

פאַרהאַן יודישע פאַמיליען-נעמען וועלכע דאַרפען קיין ערקלערונגען נישט. מ'קען זעהען פון אויבען-אויף פון וואַנען זיי שטאַמען. אַזעלכע נעמען זענען למשל, דײַטש, אונגער, ראַנצאָן, פּאָלאַק, אָדער בערלינער ווילנער, האַמבורגער.

(ענדע ווייט 11)

פון דער סדרה

פערל פון אַלטען אוצר

געזאַמעלט — פון פ. ז. גליקסמאַן

וארא אל אברהם

די לעצטע אותיות פון די דאָזיגע ווערטער בילדען דאָס וואָרט „אלם", וואָס בעדייט שטים, דאָס איז אויסן צו ווייזען, אַז די אבות האָבען זיך געמאַכט שטום און האָבען נישט מהרהר געווען צום אייבערשטען. (בעל הטורים)

* * *

ולא שמעו אל משה מקוצר רוח — ויצום אל בני ישראל

דאָס וואָרט „רוח" בעדייט רוחניות, גייסטיגקייט, אינטעלעקט, ד. ה. די יודען זענען געווען אַזוי פעראַרבייט, אַז ס'האָט זיי געפעהלט דער גייסט צו דערגרייכען דעם דבור פון אויבערשטען. דעריבער „ויצום אל בני ישראל", פון לשון צוות, אַ צוואַנג, ד. ה. זיי זאָלען בעהעפטען זייער רוחניות צו די יודען „בצייתא הדא", און דאַן וועלען זיי קענען פערנעמען דעם אויבערשטענס ווייד. (דגל מחנה אפרים)

* * *

הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה.

דער „קל וחומר" איז אונפערשטענדליך, וואָרום דאָס, וואָס די יודען האָבען איהם נישט געהערט, איז נאָר געווען איבער קוצר רוח, פון וואָס, אַלוא, איז עס אַ בעווייז, אַז פרעה וועט איהם ניט הערען? אָבער משה איז דערמיט אויסגעגאַנגען, אַז דאָס וואָס יודען האָבען איהם נישט געהערט וועט זיין אויף זיי אַ קטריג, אין פאַל פרעה וועט איהם יאָ הערען, דעריבער האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען צו טון די שליחות. פונקט ווי יונה איז אַנטלאָפען, נישט וועלענדיג געהן שטראָפען די שטאָט נינוה, ווייל ער האָט געקלערט, טאָמער וועט נינוה תשובה טון, וועט דערפון זיין אַ קטריג אויף יודען (רבי ר' יונתן אייבעשיץ)

דאָס, וואָס יודען האָבען נישט געהערט משה'ן, איז געווען דערפאַר, ווייל דער שבט לוי, צו וועלכען משה האָט געהערט, איז נישט געווען משועבד צו די מצריים; זיי, די לויים, האָבען נישט געאַרבייט בחומר ובלבנים, דעריבער האָבען יודען גע'טענה'ט, אַז פון די יודען וועלכע זענען נישט אין דער צרה. וואָס געפינען זיך נישט בקוצר רוח ועבודה קשה, ווי מיר, פון זיי קען נישט אַרויסקומען אונזער גואל, ווי עס שטעהט אין פסוק (משלי) „נוצר תאנה יאכל פריה". די הילף פאַר אַרבייטער מוז קומען פון אַרבייטער אַליין.

פאַרוואָס טאַקי איז אויסגעוועהלט געוואָרען דער יודישער גואל פון שבט לוי? דערפאַר, וואָס די לויים זענען געווען אמת'דיגע מיוחסים; בנוגע זייער ריינער יודישער אָפּשטאַמונג איז נישט געווען קיין שום ספק. אָבער בנוגע די אַנדערע שבטים איז געווען צווישען די מצריים אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט: מה-דאָך אין זייער גוף האָבען מצריים געהערשט, מכל שכן אינ'ם גוף פון זייערע פרויען. (תפארת יהונתן)

* * *

כי ידבר אליכם פרעה לאמר, תנו לכם מופת ואמרת אל אהרן קח את מטך. דער אר"י הקדוש זאָגט, אַז דער מענש ברויכט צו גלויבען, אַז זיין דבור טוט אַ נחת רוח דעם אייבערשטען און דורך דעם דבור איז ער פועל גוטע פעולות פאַר'ן כלל ישראל, דעריבער ברויכט דער מענש צו היטען זיין דיבור פון שטותים און רעדען נור דברי תורה. אָט דאָס מיינט דער פסוק: „תנו לכם מופת", דהיינו, מיר קענען טאַקי דעם אויבערשטענ'ס נאָמען, וועלען זיי זאָגען, אָבער מיר ווייסען נישט, אויב איהר קענט עפּעס פועל זיין דורך אייער דבור, אַזוי זאָלסטו זאָגען צו אהרנ'ען, וואַרף דעם שטעקען, און ער וועט ווערען אַ שלאַנג, וועלען זיי זעהען, אַז דורך דעם דבור קענט איהר מאַכען פון אַ שטעקען אַ שלאַנג און פון אַ שלאַנג אַ שטעקען.

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער

* * *

כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי אל לבך.

די חז"ל זאָגען (ש"ר פר"ב): מיט דער אייגענער זאַך, וואָס דער אויבערשטער שלאָגט, היילט ער. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענש, וואָס איז אַ מאמין אין אויבערשטען און אין זיין „השגחה פרטית", דעמאָלט ווען ס'קומט אויף איהם אַ מכה, ווערט ער דאַדורך געהיילט, וואָרום ער איבערלעגט זיך, פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט איהם די צרה געשיקט, אַזוי אַרום טוט ער תשובה און ווערט בעסער. אָבער אין פאַל, ער גלויבט נישט אין השגחה פרטית איז פערבעסערט זיך נישט דורך די אויף איהם געקומענע מכה, דאָס הייסט אַ מגפה. דערמיט ערקלערט זיך דער דערמאָנטער פסוק, וואָרום ביי די אַלע פריהערדיגע מכות, האָט פרעה נישט געקאָנט זאָגען, אַז משה איז געווען אַזאַ קינסטלער, אַז ער האָט זיי געברענגט דורך דער נאַטור, אָבער די מכה פון ברד, (הגבל), ביי וועלכער ס'איז געווען צוזאַמען פייער מיט וואַסער, ס'איז שוין גאָר קיין מעגליכקייט נישט געווען אָנצונעמען, אַז זי איז געקומען פון דער נאַטור, אָבער טראָץ דעם, ווען דאָס האַרץ זיינס וועט גע-האַרטעוועט זיין און ער וועט ווייטער נישט גלויבען און וועט זיך נישט פערבעסערען, — וועט דאָס זיין אַ צענטראַל-קלאַפּ, אַ מגפה, וואָס איז כולל אַלע מגפות. (באר מים חיים)

—:0:—

ני סטריקטלי כשר...

(פון בוך: „פאריז, די וועלט־שטאט")

(ספעציעל פאר'ן „לאָדזער טאגעבלאט")
פון
וולאַדימיר גראָסמאַן

עס איז קלאָר, ווי דער טאָג, אז קאַנקורירען מיט דער פראַנצויזישער קוך קאָנען מיר נישט. דאָ וועלען שוין קיין שום רייד נישט העלפען. די דינים פון פליישיגס און מילכיגס היטען זיי נישט אָפּ, קיין אמת'ע כשר'ע פלייש האָבען זיי נישט, חזיר עסען זיי און די שרעקליכע פישען, וואָס יודען טאָרען נישט אָנקוקען אין די אויגען, מיט די פערשידענע ראַקעס און קראַבען עסען זיי מיט אזא טריפ'ען פערגעניגען, אז עס ווערט פשוט נישט גוט נאָר פון צוזעהען דאָס. יודען אָבער האָבען זיך דאָ, ווי עס פיהרט זיך אין דער גאַנצער וועלט, זייערע רבנים, דיינים, שוחטים, משגיחים, קצבים, יאַטקע־יודען, העקער עופות־שוחטים, עופות־הענדלער, כפרות שודטים, ווייבער קוראַלאַפּניצעס א. א. וו., אלץ, ווי עס פּאַסט פאַר אָנ'אָרענטליכער יודען. עס געפינען זיך ממזרים, וואָס זענען גרייט צו פערקויפען טריף פלייש פאַר כשר'ס, היט מען זיך פון זיי, ווי פון פייער. און ווען מיר געהען אין א יודישען רעסטאָראַן אזוי ריהיג און זיכער, ווי בײַ זיך אינדערהיים — ז'איז דאָס בשר'סטע כשר.

די יודישע קוך קאָן נישט, ווי געזאָגט, פערגלײַכען זיך אין רײַכקייט מיט דער פראַנצויזישער. וואָס דאַרף האָבען א יוד? א שטיקעל געפילטע פיש, א משאָלענט, וואָס מען זאָל איהם געדענקען ביז איבער־אַכט־טאָג פרײַטאָג, בעבלעך אויף א נאָוינגע, נאָך אַמאָל בעבלעך, א קאַשע, א ראָסעל־פלייש און גענוג. יודען דאַרפען זיך נישט איבערעסען. פון ווײַן איז שוין אָפּגערעדט. גענוג, אז מען גיט א זופ א ביסעל לימאָנאַד, אָדער נאָר א גלעזעלע טיי...

פראַנצויזען אָבער זענען דאָך פראַנצויזען, א פאָלק פון זולל וסובא'ניקעס, האָט מען זיך גענומען די לעצטע צײַט זעהר שטאַרק אינטערעסירען זיך מיט דער יודישער קוך. אַרויס שוין אַפּאַר ביכער אויף פראַנצויזיש. זיי ווילען זעהען, מיט וואָס שמעקט עס. מען זאָל אונז מאַכען א פאָרשלאַג אויף בײַטען זיך, זיי זאָלען זיך נעהמען די יודישע קוך און אָפּטרעטען אונז זייער קוך, די פראַנצויזישע, הערט מען פון דעם דערווײַל נאָרנישט. עס ווײַזט אויס, מען וועט נאָך לאַנג דאַרפען וואַרטען אויף אזא מין פאָרשלאַג.

דערפאַר איז אין פּאַריז יאָ דאָ א יודיש עסען, וואָס איז זעהר אינטערעסאַנט, אָריגינעל און טרעפען קאָן מען עס נאָר דאָ: דאָס זענען די רעסטאָראַנען פון די אַלדזשעריענער, אָדער טוניסער יודען. מען עסט אָפּ א מאָלצײַט מיט א געריכט, וואָס הייסט „קוס־קוס", פיהלט מען זיך, ווי אין אַפריקא, א מאָל נאָך א ביסעל ווייטער. בײַמערען זאָסען אויף בוימעל מיט צוויבעלע שטיקלעך פלייש, א טעלער זופ, וואָס איז צום עסען און נישט צום שווימען, ווי מען קאָן מיינען א מאָל, ווען מען זעהט עס צום ערשטען מאָל. אָבער אַלץ צוזאַמען נעמען איז דאָס פּאָרט פיקאַנט און אינטערעסאַנט. יעדענפאַלס עסען דאָס די אַפריקאַנער יודען מיט א גרויסען אַפּעטיט. וואָס מען זאָל נישט זאָגען, אָבער עס לוינט צו בעקענען זיך מיט דער דאָזיגער יודישער עקזאָטיק אין פּאַריז. מען דערזעהט נאָך א סאָרט יודען. דונקעלע, ברוינע, אָבער יודען.

ווען עס קומט דער זומער און מיר בעקומען דאָ אונזערע לאַנגע געסט, וואָס רעדען דאָס ריב ענגליש, האָב איך אויסצושטעהן א שעהן ביסעל פּלאָגען און צרות. די געסט ווילען האָבען כשר עסען און וואוינען זיי ווילען דאָ נישט קומען עסען בײַ יודען, בעקומען זיי א חשד, אז נישט אַלץ איז דאָ כשר, לויט דעם דין. עס קומט אזוי ווײַט, אז עס העלפט נישט אַפילו, אויב אײַנער פון אונזערע נעמט אויף זיך די אחריות.

אזוי איז דאָס מיט די „אַמעריקאַנער" און אזוי איז דאָס, אויב נישט ערגער, מיט די „ענגלענדער". זיי א געוויסער צײַט הערשט אין לאָנדאָן ממש א משוגעת: מען זוכט יודען, וואָס פערקויפען זייערע קונים פלומר'שט כשר כשר און אין דער אמת'ען נאַרען זיי אָפּ דעם עולם. יעדער אויסוואורף מאַכט זיך א פּרנסה פון דעם כשר־שפּיאָנאַזש, מען רודפ'ט די רעסטאָראַטאָרס און די פליישהענדלער, מען רופט פּאָליציי, מען מאַכט פּראָצעסען — אַלץ כדי צו ראַטעווען דאָס ביסעל יודישקייט און פערדינען די פּאָר פרומע גראָשענס...

נישט דאָס איז אָבער וויכטיג. וויכטיג איז, אז פּאַריז איז בײַ די ענגליש־רעדנדע יודען פערשריבען אַלס נישט קיין זעהר פרומע שטאָט. מיר וועלען זיך נעצוואונגען רעפאָרמירען און רע־ אָרגאַניזירען די גאַנצע שחיטה אין פראַנקרײַך. א בעווייז האָב איך געזעהען אין אײַנעם פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע ים־פּלעצער, — לע טוקע, אַנ'אָרט, וואוהין עס קומען זיך צונויף די פני פון דער ענגלישער אריסטאָקראַטיע און וואָס ווערט בעזוכט נישט ווייניגער פון דעם ענגלישען קרוין־פּרינץ, די גרעסטע אינדוסטריעלער און שפּילערס.

לע טוקע ליגט בײַם ים, נישט ווײַט פון קאַלע און בולאָן. עס נעמט קנאַפּע אנדערהאַלבען שעה צו פאָהרען פון דאָנען ביז צום ענגלישען ברעג. טאָג און נאַכט פליהען עראָפּלאַנען אין בײַדע ריכטונגען. מאַסענווייז קומען אָן אַהער ענגלענדער. עס איז א נאַטור־וואונדער, ווי מענשען פיהלען זיך גוט אויף דער זײַט קאַנאַל, אריבערקומענדיג פון ענגלאַנד. אָט איז ערשט געוועזען נאַס און ווינטיג, אָט האָט אַהער ערשט געשמעקט מיט פײַכטער לופט און נעבעל — אויף דער זײַט בעגעגענט אײַך א זון, א מילדער קלימאַט, א טרוקענע לופט און א פלעשעלע ראָיטער ווײַן מיט א פײַנעם אַראָמאַט.

ענגלענדער האָבען אויפגעבויט דעם הערליכען פּלאַץ, אוועקגעשטעלט די מעל מונכטע און רײַכסטע האָטעלען. הונדערטער פּרעכטיגע ווילעס. מען טרעפט דאָ א פּאָר פראַנצויזען, אָבער נאָר צופעליג. דערפאַר האָט אַהער, שפּילענדיג אין קאַסינאָ דעם לײַדענשאַפטליכען קאַרטען־שפּיל באַקאַראַ, אַלס אײַער שכן דעם לאָרד ראָטעמער, דעם ברודער פון פערשטאָרבענעם לאָרד נאָרטקליף און ארויסגעבער פון דער לאָנדאָנער צײַטונג „דיילי מייל" און צעהנדליגער אַנדערע צײַטונגען. אַט זיצען די צוויי שוועסטערלעך דאָלי סיסטער, פון וועלכע אײַנע האָט חתונה געהאַט — נישט מיט קיין גרויס מזל, — מיט דעם קאַנאַדער יודישען מאַגנאַט'ס זוהן דיהווים מאַרטימער. עס זיצט א מאָל בײַ'ם טיש דער ענגלישער קרוין־פּרינץ און לאָזט איבער און משך פון א האַלבער שעה א צעהן צוואַנציג טויזענט דאָלאַר.

איבער אָט דער פּראַכט און לוקסוס, איבער דער גאַנצער וואַזשנער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט זענען אונז און לע טוקע אויסגעוואַקסען שולדען מיט די ווערטער:
„סטריקטלי כשר!""

איך דאַנק דעם רבונו של עולם, וואָס פאַר די צוויי יאָהר, וואָס איך בין דאָ נישט געווען, איז פאָרגעקומען אזא ראַדיקאַלע ענדערונג. איך דערמאָן זיך, ווען דאָ געווען א פּאָר פּענסיאָנאַטען מיט א כשר'ער קיך. איצט איז אָבער די לאַגע גאָר אַנ'אַנדערע: אויף דער הויפּט גאַס פון לע טוקע, ריו דע פּאַריז, האָבען די כשר'ע רעסטאָראַנען און פּענסיאָנאַטען פערנומען די בעסטע פּלעצער. יודען אין קאַפּאָטעס. יודינעס מיט פּערוקען און, פערשטעהט זיך, א פערביסענע יודישע קאָנקורענץ: מען גיט אײַך נישט סתם כשר, נאָר דאָס כשר'סטע פון דעם כשר'ען.

אָט רופט אײַך א שילד:
„כ ש ר!"...
א צווייטער זאָגט זאָן:
„סטריקטלי כשר!"...
א דריטער, בײַם סאַמע שטראַנד פון ים, שרײַט אויף זײַן שילד:
„סטריקטלי כשר אונטער ראַביניקעל סופּערוויזשאָן!"...

זענט אָהר שוין דאָ גוט פערזאָרגט. אַפילו די פראַנצויזישע רעסטאָראַנען אַסימילירען זיך. איך שטעל זיך אָפּ בײַ א פענסטער פון א פײַנעם נישט יודישען רעסטאָראַן. איך וויל זעהען, וואָס עסען זיי, די דאָזיגע נישט־יודען, וואָס פאַר א מין געשמאַק קאָנען זיי האָבען. איז דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך מיר אין די אויגען, איז:
„פאַרפעל אלא יוד"..

ווייטער קאָן מען שוין נישט געהען. ווייטער דאַרף מען זיך שוין נישט וואונדערען, וואָס איהר בעגעגענט אויף דער פּליאַזשע א חברה יונגעלײַט, אָנגעטאָן אין באַד־קליידער, און זינגענדיג חסידישע לידער אויף א קול..

דער אַטלאַנטיק איז בעזונדערס שעהן בײַ די ברעגען פון פראַנקרײַך. די נאָרמאַנדיע, דער צפון־טייל פון פראַנצויזישען ברעג, האָט א חן פון אַלטער פראַנצויזישער קולטור און דערבײַ איז זי מאָדערן. וואָס פאַר וועגען און וואָס פאַר וועלדער, וואָס פאַר פּאַלאַצען, נעסטען פון הונדערטע־יעהריגע דורות, וואָס פאַר א ברייט־פײַנערדיגע, שטאַרק בעפעלקערונג, צוגעבונדען צו ערד און פישערײַ!

פון יעדען דאָרף וואַקסט דאָ אויס א גרויסאַרטיגער קוראָרט און ער ציהט דאָ צו זיך תיכף מענשען פון דער גאַנצער וועלט. אָבער דורכדרינגלעכער פון אַלע און ענערגישער פון אַנדערע, פערנעמען דאָ זייער חלק אונזערע יודען. עס לעבט זיך זיי דאָ „ווי גאָט אין פראַנקרײַך".

אַפילו די כשר'ע משגיחים פון ענגלאַנד בעפרידיגען מעהר נישט די יודען, וואָס לעבען נאָך א שטיקעל אמת כשר פלייש. איצט אימפּאָרטירט מען שוין כשרות פון דײַטשלאַנד.

אויף א געוויסער שילד פון א נײַעם יודישען רעסטאָראַן שטעהט אויסגעמאָלט נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי אזא פּסוק:
„סאַריקלי כשר, אונטער ראַביניקעל סופּערוויזשאָן און קאָנטראָל און האַמבורגער אָרטאָדאָקס פעראײַן"...

מיר קענען זיי זעהר גוט די פרומע יודען פון האַמבורג און פראַנקפורט. איצט וועט שוין דאָ בליהען דאָס יודישע לעבען, ווי עס דאַרף צו זײַן. מיט אזא מין סופּערוויזשאָן און קאָנטראָל וועט די ערד יודען אין פראַנקרײַך נישט אומקומען.

א גרופּע ענגלענדער האָט איצט אויסגעבויט אין לע טוקע א נײַעם האָטעל, וואָס וועט מסתמא פערערבענט ווערען אַלס דער גרויסאַרטיגסטער האָטעל אין גאַנץ אײראָפּע. ער איז סך־הכל אַלט־צעהן שטאָק הויך. אָבער מען האָט שוין אויסגעגעבען אויף איהם איבער פופציג מיליאָן פראַנק. ערשט אין א יאָהר אַרום וועט ער פערענדיגט ווערען ווי עס דאַרף צו זײַן. אין דעם האָטעל זענען פאַראַן א חוץ די 350 צימערען אַנ'אײַגענער טעאַטער, אַנ'אײַגענער קינאָ, א שווים־באַד און א קאָלאָסאַלער פּאַרק. דער מינימום פון פרײַז פאַר א טאָג מיט עסען איז 1000 פראַנק, — סך הכל 40 דאָלאַר. — אָבער דאָס געלט אַליין איז נישט גענוג: מען דאַרף זײַן „סטריקטלי כשר", כדי צו קענען וואוינען און געניסען פון דעם משונהדיגען לוקסוס. אַפילו ווען אויף אײַנעם זאָל שוין רוהען די שכינה פון דעם האַמבורגער אָרטאָדאָקסישען פעראײַן מיט זײַן השגחה וועט עס נישט זײַן גענוג כדי צו בעזעצען זיך דאָ. מען דאַרף געהערען צו דער פײַנער געזעלשאַפט, צו די אויסגעוועהלטע. און האָטעל — „פּיקאַרדיע" הייסט ער — וועלען זיכער וואוינען נאָר די גרופּע אַקציאָנערען, וועלכע האָבען געגעבען דאָס געלט, און זייערע פרײַנט. א מין פאַמיליע־האָטעל פאַר מענשען מיט געלימיטערטען בלוט. דער בנין האָט פון בײַדע זײַטען ווי צוויי פּריטע קוילעכדיגע שפּיציגע טורעמס און א ברייטען דאַך, וואָס לויפט בײַנג אַרויס. בײַנאַכט זעהט אויס דאָס הויז מיט בעלײַכטונג, ווי א פאַנטאַסטישע פּאַלאַמע. טויזענדער מענשען שטעהען אַרום און מײַנע אויגען פאַלען אויף דעם יודעלע פון דעם „סטריקטלי כשר" האָטעל מיט ראַביניקאַל סופּערוויזשאָן און קאָנטראָל פון דעם האַמבורגער אָרטאָדאָקסישען פעראײַן. פון זײַנע אויגען זעה איך, אז דער בנין האָט איהם אויף איהם געמאַכט נישט קיין קלײַנעם אײַנדרוק. ער שטעהט, ווי א דערשלאָגענער, אָבער ער וויל זיך נישט אונטערגעבען. עס איז פאַר איהם קלאָר, אז דאָס וואָס ער זעהט, איז איבערמענשליך שעהן, אָבער די מענשען, וועלכע קומען אַרײַן און געהען אַרויס אין בלענדענדע קליידער, שוואַרצע פראַקען און סמאָקינגס, ווײַסע אָפּענע דאַמען־טואַלעטען זינדיגע בשר ודם'ס איז קיין גן עדן וועלען זיי שוין נישט האָבען. זייער לאָגיק איז גאָר נאָר וואָס זיי זענען גרייט אָפּצוקומען מיט דעם ביסעל גן־עדן און דעם וואונדערבאַרען האָטעל פּיקאַרדיע, אײַנגענומען פון הערליכע וועלדער, בײַם סאַמע ברעג פון אַטלאַנטיק מיט אַנ'אויסגעוועהלטער פראַנצויזישער קוך און מיט א גלאָז אָפּגעקיהלטען, צוגעפרוירענעם שאַמפּאַניער.

איך האָב לאַנג געוואַרט, ביז מײַן פרײַמער שכן וועט אַוועקגעהען. נאָך דעם בין איך געגאַנגען הינטער איהם און די גאַנצע צײַט פערפאָלגט די קלײַנע פיגור. צוזאַמען מיט איהם האָט זיך געשאָקעלט אויף דער שאָטען פון זײַן האָט. אזוי האָב איך איהם בעגלייט, ביז צו דער כשר'ער אכסניה, וואָס נאָך טויט איהר זכות האַלט זיך דער בערוהמטער אָרט לע טוקע אָדער ווי מען רופט איהם אין דער גלײַכער צײַט „פּאַריז־פּליאַזש".

—=0§0=—

בילדער און סצענעס פון סאוויעט־רוסלאנד

געלט איז בלאטע, מען לעבט מיט האפענונג

(איינדרוקען פון א רייזע) —:— פון א. מיראוו

א גאַנץ הויכער סאָוועטישער מלוכה־מאַן. לויפענדיג פאַר מיר די סאָוועטישע עקאָנאָמיק, האָט געזאָגט: „אונזער פּראָדוקציע וואַקסט אונז גאַרנישט, מחמת מיר צאָלען מיט פּאַפּיר געלט, ווײַלע מיר דרוקען אַליין, (בײַ אונז זענען דאָך אַלע דער מלוכה) ראַגעגען מוזען מיר פאַר אויסלענדישע סחורה נאָך מיט גאָלד. דערפאַר מוזען מיר זעהען, וואָס מעהר סחורה אַרויסשיקען פון לאַנד, כדי מיט די אויסלענדישע מטבעות צו דעקען אונזערע פערפליכטונגען. אָבער אונזער פינאַנץ, מיט וועלכער עס איז אונז רווחגערוגען דער פּלאַן פון פּיאַטילעטקא (פינף־יאָהר אויף פיר־פּלאַן) איז — מיט דער צײַט זיך בעגעהען אונגאַנצען אין אויסלאַנד. קיין אײן לאַנד האָט נישט אזא מעגליכקייט אַליין צו פערבעסערען אַליין, ווי מיר. מיט דער צײַט וועלען אַלע מאַשינען צוגעגרײַט ווערען דורך אונזער מעטאַלורגיע. מיר האָבען אַלע רויה־שטאָפען. אונז פעהלען נאָר די פּאַסענדע ספּעציאַליסטען. נאָך וועלכע מיר מוזען ווערט עתה אָפּט אָנקומען צו אויסלאַנד. אָבער אונזער „פּיאַז" זעהט פאַרויס אויך דאָס צוגרײַטען אײגענע ספּעציאַליסטען. אַפילו אזא רויה־שטאָף, ווי גומי, האָבען מיר שוין אַליין אויסגעפונען אין קאַוקאַז. און מיטעל אזיען ווערט קולטיווירט א בוים, וואָס גיט א זאַפט, פון וועלכען עס ווערט שוין געמאַכט גומי־שטאָף. מיר וועלען איבערשטײַגען אַמעריקע (דאָס איז דער ענדציל פון פּיאַטילעטקע).

איך האָב געשטוינט פון דעם טיפען גלויבען, מיט וועלכען דער מאַן האָט גערעדט, הגם איך האָב זיך דערבײַ דערמאָנט דעם וויץ פון א יודען, וואָס האָט אונז וועגען דעם וועלען איבעריאָגען אַמעריקע געזאָגט: „איבערשטײַגען אַמעריקע ווי אַמעריקע, איך וואָלט שוין אוים געשטימט אין איראָפּע". אַגב כאַראַקטעריזירט דער וויץ דעם שטאַרקען בעגעהר פון אַלע „געוועזענע מענשען" אַרויסבאַקומען זיך פון ססס"ר. קיין איראָפּע, וועלכע זיי שטעלען זיך איצט פאַר ווי א בעשערטע לאַנד, וואוהין עס איז נישטאָ קיין האָפענונג, יעדענפאַלס אין דער נאָהענסטער צײַט, אַרויסצופאָהרען.

דער גערעדט פון מײַן מיטשמועסער וועגען דעם, אז די פּראָדוקציע קאָסט דעם סאָוועטישען מלוכה־אוצר קיין געלט נישט, איז ריכטיג אָבער די סאָוועטישע מלוכה קאָן זיך נישט בעפרײַען פון די אַלגעמיינע אומבאַרחמנותדיגע געזעצען פון געלט־אומלויף. געלט איז א סחורה אַפילו אין רוסלאַנד. ווערט זי נתרבה (און נתרבה ווערט זי, ווײַל זי ווערט געדרוקט כמעט אָהן בעגרענעצונג), מוז זי ווערען ביליג, נאָר ביליג. רײַצט אַלגעמיינער נישטיגער קורס פון משערוואָנעץ איז איצט גענוג בעקאַנט. אָבער אויך אין לאַנד פאַלט מען זײַן בײַלינקוים, זײַן נישטיגע קויף־קראַפט).

די פעסטע פּרײַזען אויף די פּראָדוקטען און סחורות לויט דער קאַרטען־סיסטעם זענען פערהעלטניסמעסיג — נישט הויך, ענטשפּרעכענד די פערדינסטען פון בעאַמטע און אַרבײַטער. זיי זענען אָבער פיל העכער, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. און דערצו, כדי נישט צו דערלאָזען צו א מפּול פון געדרוקטע נײַע געלט — מוז דער סאָוועטישער פינאַנץ־אַמט אויך העכערען די פּרײַזען אין די קאָאָפּעראַטיווען. און דאָ הייבט זיך אָן די בעוואוסטע קייט פון יעדער אינפלאַציע.

די פּרײַזען פון „פרײַען האַנדעל" זענען קאָלאָסאַל הויך און נישט צוטרעטליך פאַר מענשען וואָס לעבען נאָר פון זייער געהאַלט.

מען מוז אויסברענגען פון שטיקעל רעשטלער פון אַמאָליגער ווירטשאַפט, אָדער בענגעהען... מיסברויכען. ענדליך זיך בײַגנענגען מיט דעם הונגער „פּאַיאָק" אויף פּראָדוקטען און סחורות.

די ענטווערטונג פון געלט האָט דערפיהרט צו א מאַנגעל אין מינץ (קלײַנע געלט). שוין אויף דער גרענעץ־סטאַציע האָב איך נישט געקאָנט אוועקשיקען קיין טעלעגראַמע קיין רוסלאַנד, ווײַל דער פּאָסט בעאַמטער האָט נישט געהאַט קיין אויסגאַב־געלט פון א פינף־רובעלשטיק. דאָס בעוועגען זיך אין לאַנד איז פערבונדען דעריבער מיט גרויסע שוועריגקייטען, אַפילו, דאָס אײַנהאַנדלען סחורות, וועלכע זענען נישט קיין „רעפּיציטיג", ווי שוועבעלעך, „קוואס" — איז אָפּטמאָל אומעגליך צוליב דעם, וואָס קלענערע געלט, ווי א פּאַפּירענער רובעל (נאָמינאַל א האַלבער דאָלאַר) — דעריבער מוז מען קויפען אַלץ נישט ווייניגער, ווי אויף א רובעל — אָדער צוויי און די בופעטען, אויף די וואָקזאַלען אָדער גאָרקיכען (סטאָלאָוואַיאַ). דערפאַר איז גליקלעך דער, וואָס האָט א ביסעל מינץ. און אַלע רײַזען איז ער דער ערשטער: „ווער עס האָט קלײַנגעלט — פאַרויס!" אַלע „אָטשערעדניקעס" זענען מקנא דעם גליק לויבען.

די רעגירונג מאַכט אָפּט אינערליכע הלואות, אַמאָל מיט געווינסען, אויך מיט צינזן קופּאָנעס. אויף אונטערשרײַבען זיך אויף די קופּאָנעס ווערען אײַנגעאָרדענט ווענען: וועלכע פאַבריק, אָדער אַנשטאַלט וועט איבעריאָגען די בעשטימטע פאַר זיי נאָרמע פון הלואה — בעקומט אַנ'אויסצײַכנונג. די פּרעסע פערנאָטירט די בעוועגונג פון אונטערצײַכענען זיך אויף דער הלואה. דאָס אונטערצײַכענען זיך איז פרײַוויליג, אָבער קיינער וועט זיך נישט וואגען אָפּצוזאָגען פון אונטערשרײַבען זיך, עס זאָל פאַלען אויף איהם א חשד, אז ער איז נים פאַר דער „סאָוועטישער בויאונג" מיט אַלע קאָנסעקווענצען פון פרינציפּ. „ווער עס איז נישט פאַר — איז געגען".

אויף אזא אופן ווערען אָפּט אײַנגעהאַלטען בעדײַטענדיגע סומעס פון חודש'דיקען געהאַלט אויף א קריגס אַעראָפּלאַן, אויף אַנ'אונטערוואַסער־שיפ, אויף אויסצואַרבײַטען גאַזען צו מלוכה־צוועקען. אויף „מאָפּר" (אָרגאַניזאַציע צו העלפען די פערפאָלגטע קאָמוניסטען אין די בורזשואַזע לענדער) א. א. וו.

די הלואות אָבער ווערען אַמאָל אויפ'ן זעלביקען אופן „פרײַוויליג" אַנולירט. דאָס איז ווידער א וועט און פּאַטריאָטיזם. מען שענקט אוועק, הייסט עס, דער מלוכה די גאַנצע הלואה. אזוי איז פאַרגיגען זומער אַנולירט געוואָרען א מיליאַרדען הלואה. מענשען, וואָס האָבען אַרײַנגעלייגט זייערע אָפּשפּאָרונגען אין דער הלואה, און געהאַט א שטיקעל הכנסה פון די קופּאָנעס, זענען דורך נאַכט געוואָרען אָרימעלײַט.

אין ססס"ר. קענען מענשען נישט נאָר נישט זײַן רײַך, נאָר אַפילו נישט פערמעגליך (שוין אויפ'ן סאָוועטישען מאַסשטאַב). עס מוז דורכגעפיהרט ווערען א ניוועלירונג אויף אָרימקייט.

אין דער אמת'ן פיהרט דאָס גאַנצע סיסטעם צו דער אַנולירונג פון געהאַלט: חיות די מלוכה איז דער אַרבײַטס־געבער און סוחר, וועלכער האַלט אַלץ אין אײַגענע הענט, בעזאָרגט דעם בירגער מיט אַלעם נויטיגען (עס רעדט זיך אזוי — דאַרף ער דאָך קיין געלט נישט האָבען. די סאָוועטישע פינאַנסיסטען טראַכטען שוין שטאַרק וועגען דעם. אויב קאָמוניזם, איז טאַקע קאָמוניזם און אַלץ. געלט איז דאָך א רײַן־בורזשואַזע דערפינדערונג. והא ראיה, אין דער עפּאָכע פון דער נאַטורעלווירטשאַפט, און טויש האַנדעל האָט מען דאָך קיין געלט נישט נעדאַרפט.

די „פּיאַטילעטקע" דאַרף ראַטעווען רוסלאַנד און איבערבויען גרונטליך אַלץ, אנהויבענדיג פון מאַשינען־בוי און ענדיגענדיג מיט'ן פּריוואַטען לעבען פון בירגער. דער דאָרף געהט אריבער אויף קאָלעקטיווע ווירטשאַפטען, וועלכע זאָלען דאָס בעקומען פון אַגראַר־פּראָדוקטען פילפאַך פערגרעסערען, פערמעהרען די צאָהל בהמות און בעזונדערס חזירים און קרוליקעס, וועלכע פערמעהרען זיך שנעלער, ווי אַנדערע חיות. דער פלײַש־ און פעטס־מאַנגעל איז צוליב דער מאַסען אויסשעכטונג פון בהמות דורך די פּויערים אין פאַרגאַנגענעם ווינטער (קאָלעקטיוויזאַציע) געוואָלטיג גרויס. די סאָוועטישע אָרגאַנען זאָרגען איצט פאַר דעם, אז די בהמות זאָלען גוט דערנעהרט ווערען. אין אַוועק א סדרה פון אגיטאַציע פאַר „קראָליק־בעשפּרײַזונג" (סילאָסנאַיע פּיטאַניע), וועלכע שטאַמט פון אַמעריקע. דאָס איז א מיטעל צו מאַכען געשמאַק פאַר דער בהמה שטרוי, היי און פערשידענע אָפּפאַלען, מיט וועלכע מען קאָן פוטערען די בעלי־חיות. אומגעפעהר בעשטעהט דער פּראָצעס פון „סילאָס" אין דעם, וואָס אין גרוב ווערען אַרײַנגעלייגט די אָפּפאַלען. זיי ווערען דאָרט געזײַערט מיט דער הילף פון געוויסע פּרעפּאַראַטען, וועלכע גיבען זיי צו א זויערליכען טעם. דערבײַ מוז די גרוב זײַן א צעמענטירטע און דער גאַנצער אויסהאַלט דאַרף זײַן שטאַרק צוגעפּרעסט, געדרוקט מיט קראַפט. (פון דעם נעהמט זיך דער נאָמען). אין יעדער פּראָווינציעלער צײַטונג און און דער רעזידענץ פּרעסע זענען דאָ נאָטיצען וועגען „סילאָס". אָבער די צרה איז, וואָס דולט זיך מײַנער ווײַט נישט גענוי, ווי דאָס ווערט געמאַכט, אויף וואָס עס ווײַזט אָן די זעלביגע פּרעסע. און עס געהט א געשריי: אז „מיר האָבען נישט קיין ספּעציאַליסטען אויף „סילאָס". וואָלט דער „סילאָס" אַרײַן און דער אָמגאַנגסטעפּײַז, און דאָרף, וועט רוסלאַנד, ווי עס גלויבען די רוסישע עקאָנאָמיסטען, זײַן בעזאָרגט מיט פלײַש און א פּאָר יאָהר אַרום די והותר.

מיטלען, אויף צו בעוויינען נסים זענען דאָ א סך. אין דער ערשטער רייה איז דאָס „ווײַסע קויהלען" (די קראַפט פון וואַסער), „געלע קויהלען" (טאָרף), וועלכער געפינט זיך אין בלאָטיגע געגענטען, זונען שטראַלען, די קראַפט פון ווינט, פון די ים כוואַליעס (דאָס זענען לעת עתה חלומות פון די סאָוועטישע מעכאַניקער). אָבער דאָס געהט דערווײַל שווערליך. דאָס גלײַבען זענען ענטדעקט געוואָרען אין די קאַלטע צפון געגענדען גרויסע שיכטען פון א מינעראַל, וועלכער רופט זיך אַפּאַטיט און וועלכער זאָל זײַן א גוטער בעמיסטונגס־מיטעל, ווײַל ער בעשטעהט פון פאָספאָר־קאַלכען, דאָס דאַרף אויך פערפילפאַכען די פּראָדוקציע פון תבואה.

מיר זענען נישט בעקאַנט די רעזולטאַטען פון דער אַפּאַטיטען־פּראָדוקציע. אָבער קיין פיל בעלקים אויף דעם דאָזיגען מינעראַל זענען נישטאָ. שיקט מען אָהין פערברעכער, פּאָליטישע און קרימינעלע, וועלכע דאַרפען גראָבען דעם דאָזיגען אַפּאַטיט. כדי צו בעקומען די נויטיגע ספּעציאַליסטען, קלערט מען אַמאָל אויס א חטא אויף עמיצען, מען אַרעסטירט איהם און נאָך דעם „משפּט" וועלכער פאַראורטײלט אָפּט צום טויט, ווערט דער פערברעכער בעגנעדיגט און אַוועקגעשיקט הינטער די הרי־חשך הכלל אַפּאַטיט זאָל זײַן!

דאָרט, וואו מען קאָן שוין גאָר קיין אַרבײַט נישט בעקומען — מאָבּיליזירט מען גאַנץ אָפּט די „קאָמסאָמאָלצעס", מען שאַפט פון זיי „שטורם־בריגאַדעס", וועלכע מוזען א ריהר טון די פּראָדוקציע פון טויטען פונקט. די שטורם־בריגאַדעס ווערען געשיקט אין די קויהלען גרובען, נאַפט־קוואַלען, אויף פעלד אַרבײַט בעת'ן שניט, אויף צו לאָדען פּראָדוקטען, אין די שיפען, וואַגאָנעס א. א. וו.

מען דאַרף אָבער אָנערקענען, אז די סאָוועטישע רעגירונג וויל באמת די גאַנצע בעפעלקערונג פערוואַנדלען אין אײן גרויס'ן אַרבײַטס־פאָלק. א פיזישער אַרבײַטער איז דער יעניקער, וועלכער געניסט — (יעדענפאַלס אין פּרינציפּ) פון די גרעסטע זכויות און פון גרעסטען כבוד. די פּסיכיק פון דער יודישער יוגענט האָט זיך צוליב דעם אויך קאַרדינאַל געביטען. מען וויל טאַקע ווערען אַרבײַטער, מען וויל זיך אינדוסטריאַליזירען, עס איז דאָ א בעציהונג צו ערד־אַרבײַט, ווי צו א בכבודיגער בעשעפטיגונג.

וואָלט נישט געקאָנט די קאָמוניסטישע בײַטש, וואָלט געלאָזען געוואָרען כאָטש איין א מינימאַלער מאָס אַביסעל פרײַהייט פון געוויסען און וואָרט, וואָלטען מיר געווען עדות פון א וועלטענגעס סאָציאַלען פּרוב צו בעווײַזען אינגאַנצען דעם אומגעצלײַכען, אומפּראָדוקטיווען עלעמענט פון דער מענשלײַכער געזעלשאַפט.

די צרה איז אָבער, וואָס די „פעהלערען פון מעכאַניזם" טאָרען נישט קריטיקירט ווערען דורך נישט קיין אָרטאָדאָקסישע קאָמוניסטען. מעג אַפילו רעכ קרימינעלער קאָמוניסט לאַגער פון דער איצט הערשענדיגער סיסטעם זײַן דער אַנגעוועהנסטער און דער פּאַרטײַ, אין דער רעגירונג, ווערט ער פערשריגן אַלס „רעכטער", אָדער „לינקער" „אָפּנויגער" און ווערט אומבאַרחמנותדיג בעזײַטיגט, אָדער פערשיקט (טראָצקי, רײַקאָוו, בוכאַרין, טאָמסקי א. א.)

די פּאַרטײַ דערלאָזט זעלבסטקריטיק אויך. אָבער זי טאָר זיך נישט בעציהען צו דעם סיסטעם, נאָר צו דער טעכנישער זײַט.

—=0§0=—

יאפאנישע ווערטלער

קאַנסט פערשליסען די טירען אויף די שטאַרקסטע שלעסער — דאָס אומגליק, ווען עס דאַרף קומען, געפינט זיך זײַן וועג.

* * *

אַפילו דער גאַסען־הונט האָט געהאַט זײַנע גוטע טעג.

* * *

פערדינען געלד איז, ווי גראָבען די ערד מיט א נאָדעל; אויסגעבען געלד איז, ווי וואַסער, וואָס ווערט אײַנגעשלונגען פון זאַמד.

* * *

דעם אויג איז שווערער צופרידענצושטעלען, ווי דעם מאָגען.

* * *

אַפילו פּערל, ווען זיי זענען נישט פּאָלירט — שײַנען נישט.

* * *

וויפיל דו זאָלסט נישט וואַשען א קויהל, וועט זי אַלץ ווײַס נישט ווערען.

* * *

צוגאָסען וואַסער קען מען נישט צונויפקלײַבען.

* * *

א יונגע ווײַב דאַרף זײַן אין איהר הויז אז די וואַרימע פרימאָרגען־זון, אז דער שאָטען פון א בוים אין נאָכמיטאָג.

* * *

א וועג פון טויזענדער מײַלען הויבט זיך אָן מיט אײן טראָט.

—=0§0=—

פרייד און בושה

(עטיוד)

פון ב. עפעלבוים

ס'איז שוין געווען אוונט, ווען מאגין איז צוריקגעקומען אין דארף און מיט זיך מיטגעבראכט א דאקטאר פון שטעטעל. דער דאקטאר איז געווען א דארער און געהאט א לענגליך שמאל פנים מיט שטילע, פערטראכטע, בלויע אויגען. ווען ער איז אריין אין צימער, האט דער קראנקער געעפענט די אויגען, האט הילפלאז א קוק געטון אויף איהם. געווען איז אין זיין קוק געבעט. דער בליק האט אויסגעשריען מיט שטיל געשריי: העלף מיר! דער וועהטאג איז זעהר גרויס.

דער דאקטאר האט געשוויגען. איז געשטאנען א געשטערטער און ס'האט זיך געדאכט, ער ועדט קיינמאל נישט. ער איז אזוי פערנומען מיט זיין טראכטען, אז ער האט קיין צייט נישט צו רעדען. ער האט אוועקגעשטעלט זיין קליינע וואליז, דאס אויסגעטון דעם שווארצען הוט. אגנעס, דעם קראנקעס איינקעל, האט איהם צוגערוקט א בענקעל, ער האט ליכט א נייג געטון דעם קאפ און האט זיך געזעצט. א ווײַלע האט ער שטיל געקוקט אויפ'ן אלטענס פנים, ווי ער וואלט דארט עפעס אויסגעפארשט:

— ס'טוט שטארק וועה?

— ס'טוט וועה...

דערביי האט דער קראנקער א קנייטש געטון דאס פנים, ווי א קינד, אויף עס פארגעהט אין געוויין.

דער דאקטאר האט אויסגעדרייט דאס פנים צו מאגינ'ען, וואס איז געשטאנען נעבען אידם:

— ווי אזוי איז עס פארגעקומען?

מאגינ'ס קול איז געווען שטיל און געפרעגט ווי ביי א הונגעריגען:

— דער אלטער האט היינט געפיהרט מיט א שווערער וואגען מיסט געווען. די פילדער זענען דא געפערגעלטע [illegible] איינגעצויגען זיך אקסעל געצויגען א שפאר אינטער דעם וואגען... נישט בעוויזען. דער וואגען האט א שווערען זעץ געטון און ער איז געפאלען אונטער דער משא...

דער דאקטאר איז געזעסען, ווי פערגליווערט. ס'האט אויסגעזעהן: ער הערט זיך צו צו ווייטע קלאנגען. הערנאך האט ער געזאגט:

— אהא!

ער האט זיך צוגעבויגען צום קראנקען. דאס פון איהם אפגעשארט די צודעק, האט אויפגעדעקט די רעכטע זייט. צוגעבויגען דאס פנים און זיינע אויגען זענען שארפער געווארען. די זייט איז געווען פערלאפען מיט א טונקעלער בלויקייט, ווי אונטער דער הויט וואלט זיך טינט אויסגעגאסען. ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף דער זייט און דער קראנקער האט פערקוועטשט די אויגען און גענומען ציטערען, ווי פראסט וואלט אויף איהם אנגעלאפען. דעם דאקטאר'ס פינגער האבען גענומען טאפען דאס לייב און מיט אמאל האט דער אלטער ארויסגעלאזט א שרעקליכען רעווע, ווי ס'וואלט זיין לייב דורכגעשניטען.

דא איז דער וועהטאג?

דער אלטער האט נישט געהאט קיין אטעם, האט נישט געקענט ענטפערן.

דער דאקטאר האט ווידער געפרעגט, אנרוהרענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן זעלבען ארט:

— אט דא איז דער וועהטאג?

דער אלטער האט נישט געהאט קיין אטעם, האט נישט געקענט ענטפערן.

דער דאקטאר האט ווידער געפרעגט, אנרוהרענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן זעלבען ארט:

— אט דא איז דער וועהטאג?

— יא־א־א... — האט דער קראנקער ארויסגעצוימערט.

דער דאקטאר האט נעדולדיג גענומען טאפען נידעריגער און ווידער האט דער קראנקער ארויסגעלאזט א שרעקליכען אליע.

אגנעס האט געהאלטען אנ'עלעקטרישע לעמפעל אין האנט, דאס זיך געקנייטשט יעדעס מאל, ווען דער אלטער האט ארויסגעלאזט א געשריי. זי האט געפילט: יעדער געשריי צושטערט־דורך איהר לייב. נאר דער דאקטאר איז אלץ געווען רוהיג־פערטראכט און שטיל, ווי ער וואלט זיך צוגעהערט צו א ווייטען גערויש.

דערנאך האט זיך דער דאקטאר אויסגעגלייכט און מיט איין האנט ארויפגעצויגען די צודעק אויפ'ן קראנקען. ער האט אלין געשוויגען.

— דאקטאר! וואס זאגט איהר?

אזוי האט געפרעגט אגנעס. זי האט אידם געקוקט אין פנים אריין מיט בעטענדיגע אויגען.

— דערווייל איז קיין געפאהר נישטא

— ס'איז נישט קיין געפאהר?

— דערווייל נישט... ער הוסט?

דער דאקטאר האט ווידער אפגערעקט דעם קראנקענ'ס זייט. אויפ'ן קראנקענס פנים האט זיך שרעק צעוויינט. נאר דער דאקטאר האט געזאגט:

— בלייבט רוהיג. איך וועל אייך גארנישט טון.

ער האט בלויז צוגעלייגט דאס אויער, האט זיך צוגעהערט צו דער זייט. דערנאך צוריק זי פערדעקט:

— איך וואלט געהייסען, מען זאל דעם קראנקען נעהמען אין שפיטאל.

מאגין האט דערפיהלט: אין איהם האט עס אויפגעגלייבטען, ווי זיין לייב וואלט פערנומען א בשורה... דערפאר האט ער א קנייטש געטון דאס פנים און געפרעגט:

— רעכענט איהר, אז דאס איז ווירקליך נויטיג?

— אומבעדינגט נויטיג. מען מוז איהם נעהמען אין שפיטאל. עטליכע ריפען זענען שטארק צעשלאגען. דער קלאפ, זעהט אויס, איז געווען זעהר א שווערער. מען דארף איהם גוט אויפפאסען און דאס קען מען טון בלויז אין שפיטאל. יא, מען מוז איהם ברענגען אין שפיטאל.

דעם קראנקענס פנים, וואס איז נאכ'ן דאקטאר'ס אונטערזוכען געווארען רוהיגער, געלאסענער — ער איז בלויז געלעגען א שטארק מידער און געאטעמט גיך, אפגעהאקט, ווי נאך א שווערער אנגעשטרענגטער ארבייט — איז מיט אמאל געווארען שטארק אומרוהיג, ווען ער האט דערהערט, אז מען דארף איהם נעהמען אין שפיטאל. ער האט אויפסניי דערפיהלט די שארפקייט פון וועהטאג און שרעק האט דורכגעבויערט זיין לייב, זיך צעגאסען אויף זיין געזיכט:

— מען מוז אין שפיטאל? מוזט ען?

— זיכער... דארט וועט איהר ווייניגער ליידען... איהר וועט שנעלער געזונט ווערען.

— הייסט עס, מען מוז?

— וואס האט איהר אזוי מורא פאר'ן שפיטאל?

דער אלטער האט געקוקט מיט צעמישטע אויגען. ער ווייסט: דאס איינקעל מיט מאגינ'ען זוכען זיך... נאר ער האט געוואכט: זיי האבען געפיהלט, אז זיין אויג וואכט איבער זיי... איצט, אז ער וועט זיין אין שפיטאל...

דעם אלטענ'ס פנים איז געווען שטארק צוטומעלט. געוויין איז געווען אין זיינע אויגען.

— איהר דארפט זיך נישט שרעקען פאר'ן שפיטאל.

— ניין... נאר... מען וועט דאך מיך דארפען אראפטראגען... און די וועהטאגען...

ער האט א זיפץ געטון מיט פערהוילענער הילפלאזיגקייט.

— מען וועט דארפען פאר אייך קרי

(ענדע — זייט 11)

וויצען און קאמישע מעשיות, וועלכע יוד. אקטיארן דערצעהלען וועגען זיך אליין

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")

פון זלמן זילבערצווייג

אנ'אומגליק אויפ'ן דייטש!

דאס איז געווען אין דער צייט, ווען יאזעף עדעלשטיין איז נאך געווען דירעקטאר פון סעקאנד עווענוי און ווען רודאלף שילדקרויט האט נאך דארט געשפילט.

פירהט מען דארט אויף „שיילאק", די טיטעל־ראל שפילט, נאטירליך, שילדקרויט און די ראל פון א ריכטער שפילט דער אקטיאר לייזער גאלדשטיין.

גאלדשטיין האט אבער פיינט געדאט ארויסצולערנען ראלען האט ער מאקע זיין ראל נישט געקענט. שילדקרויט, ווידער, וועלכער האט שוין געקענט „שיילאקען" פון אויסווענדיג, איז געווען זעהר אויפגעבראכט, ווען אנ'אקטיאר האט נישט געקאנט זיין ראל. דערביי, ווען ער האט געהערט, ווי גאלדשטיין פלאנטערט זיך אין דער ראל, איז ער ארויס פון די כלים, נאך דער פארשטעלונג הויבט ער אן ארומלויפען און פאיע פון טעאטער מיט א געשריי:

— וואו איסט יאסעלע? (געמיינט יאסעל עדעלשטיין) שרעקליך, וועלכע אקטיארען ער מיר גיבט! ענדליך האט ער געכאפט עדעלשטיינ'ען און פאר איהם פשוט געוויינט, אז ער זאל אויסמוסר'ן גאלדשטיינ'ען, פארוואס ער קען נישט די ראל.

עדעלשטיין האט איהם צוגעזאגט צו מארגענס, ווען גאלדשטיין איז געקומען, האט איהם עדעלשטיין געמאכט א שארפען פארוואורף:

— דער דייטש (אזוי האט ער גערופען שילדקרויט'ן) וועט נאך אנטלויפען, ווי פאסט עס, אז די זאלסט נישט קענען דיין ראל?

גאלדשטיין, וועלכער האט געוואוסט, אז עדעלשטיין האט נישט קיין שום ידיעה אין רעפערטואר, האט בעשלאסען חוזק צו מאכען פון איהם, און מיט א געמאכטען פאטאס אויסגערופען:

— וואס? איך קען נישט מיין ראל? הער די אליין און זאג, צי איך קען די ראל, צי נישט.

און אין דער רגע דאט ער אין איין אטעם אראפגעזאגט די ראל פון „גראף יאבלאנאווויטש" און לאטיינער'ס „בלימעלע".

עדעלשטיין איז די גאנצע צייט געשטאנען און זיך געריבען די באק. ווען גאלדשטיין האט געענדיגט. האט ער אויפגערעגט געזאגט:

— אזא יאהר אויף מיר, ווי די קענסט א ראל. טא וואס וויל ער פון דיר? אנ'אומגליק אויפ'ן דייטש, וואס טשעפעט ער זיך אומזיסט?

די אקטיארען זענען גרויסע קינסטלער

אין דעם בערוהמטען פעריאד פון די יודישע היסטארישע פיעסען, וועלכע מען האט געשפילט אין אמעריקאנער יודישען טעאטער, האט מען די אויפפיהרונגען פשוט „גיזבאקען". מען פלעגט יעדע וואך אויפפיהרען א נייע פיעסע. פערשטעהט זיך, אז וועגען איינשטודירען א פיעסע האט גאר קיין רייד נישט געקאנט זיין. טייטאל האט אפילו געטראפען, אז מען האט זיך געשטעלט שפילען די פיעסע, נישט האבענדיג דורכגעגאנגען דעם לעצטען אקט, וועלכען מען האט ערשט פערטיג געמאכט און אוועגד פון דער פארשטעלונג.

אז דאס גרעסטע כפרה־הינדעל איז אין אזעלכע פאלען געווען דער סופלער, איז קלאר. ער פלעגט זיך פשוט דאס הארץ אויסשרייען ביים סופלירען די אקטיארען.

ווי אזוי אזא שפיל האט איינגעזעהען קאן מען זיך אויך לייכט פארשטעלען.

איינמאל בעת אזא פארשטעלונג געהט צו דער סופלער ראובן ווייסמאן צום קאמפאזיטאר א. דוידענט יוסף רומשינסקי און זאגט צו איהם:

— איהר ווייסט, רומשינסקי, אז אונזערע אקטיארען זענען גרויסע קינסטלער, אז איך רייס מיר אויס דאס הארץ און זאג זיי איינמער יעדעס ווארט, אז איהר גיט זיי אזא מוזיק, אז מען גיט זיי אזעלכע שיינע דעקאראציעס, מיט גרים מיט קאסטיומען, און זיי קאנען מיט זייער שפילען דאס אלץ דערהרגענען, זענען זיי גרויסע קינסטלער.

פראזע צו שניירן

דער סיסטעם פון די גרעסטע אקטיארען צו שניידען דעם טעקסט פון דער פיעסע אזוי, אז זייער ראל זאל אויס

(ענדע — זייט 11)

„התונה אויף פראבע"

אנ'אינטערעסאנט בוך פון אנ'אמעריקאנער ריכטער.

לינדסי איז נישט פון די מענשען, וואס גלויבען זיך אונטער אין קאמף; ווען ער איז איבערצייגט, אז ער איז גערעכט, ווען ער איז זיכער, אז זיינע מיינונגען זענען די ריכטיגע, איז ער גרייט צו טון אלץ, וואס ס'איז נאר מעגליך, צו איבערצייגען אנדערע אין דעם.

אזוי איז ער געווען אין זיין צייט אלס ריכטער און אזוי איז ער אויך איצט אלס פערפאסער פון ביכער, און וועלכע ער פרעדיגט „התונה אויף פראבע" און אויך אנ'אנדער בעציהונג צו דער אזוי גערופענער „צולאזענקייט" פון דער היינטיגער יוגנטארג.

באטש לינדסי'ס ביך אין זיינע אפיקורסישע געדאנקען זענען שוין בעקאנט, זייט א פאר יאהר, דאך האט די פראגע אויפגעלעבט איבערדעם אויף דאס ניי א דאנק דער אטאקע, וואס בישאף מנינג האט די טעג געמאכט אויף ריכטער לינדסי און זיינע אידעען. צוליב דעם טעמבוך צווישען ריכטער לינדסי און דעם בערוהמטען גלח ווערט די גאנצע אנגעוועהטאגטע פראגע איצט אויף דאס ניי דיסקוטירט איבער גאנץ אמעריקא.

ער איז איצט זעהר פאפולער, דער געוועזענער ריכטער פון קאלאראדא. ער האלט לעקציעס אין אלע טעאטערן, און צו זיינע לעקציעס קומען טויזענדער מענשען; ער דעבאטירט מיט אנגעזעהענע מענשען, וועלכע טרעטען ארויס געגען איהם, און זיינע עפענטליכע דעבאטעס ווערען זעהר גוט בעזוכט. דער עולם הערט איהם זעהר גערן, און איינע פון די אורזאכען, פארוואס מען הערט זיך אזוי צו איהם, איז נישט נאר דאס וואס די טעמע איז א פיקאנטע, נאר אויך דאס, וואס ער ברענגט אלע מאל א סך פאקטען פונ'ם לעבען. [illegible] — דאס איז דער גרונד פון לינדסי'ס פרעדיגונג. אזוי איז ער אין זיינע לעקציעס און אזוי איז ער אויך אין זיינע ביכער.

אין זיין בוך „דהי רעוואלט אוו מאדערן יוטה" (דער בונט פון דער היינטיגער יוגנטארג) טרעט ער ארויס זעהר שארף געגען די אלטע אנגענומענע כללים פון דער געזעלשאפטליכער מאראל: ער בעווייזט, אז נישט נאר די פרומע לייט, נאר אויך די געבילדעטע און געלערנטע, וועלכע ווילען נישט קוקען אויפ'ן לעבען מיט אפענע אויגען, בעציהען זיך צו דער היינטיגער יוגנטארג נישט אזוי, ווי מען וואלט זיך בעדארפט בעציהען. ער שטרייכט אונטער דעם פאקט, אז די אומשטענדען פונ'ם לעבען האבען זיך אינגאנצען געביטען. אז די פסיכאלאגיע פון דער היינטיגער יוגנטארג איז אינגאנצען אן אנדערע, און אז באטש איינניגע האלטען, אז די היינטיגע יוגנטארג איז צולאזען און פערשייט, איז דער אמת אבער, אז זי בעגעהט בלויז פעהלערען און די געזעלשאפט דארף איין מאל פאר אלע מאל פועל'ן ביי זיך, אז מען דארף אויף די פעהלערען פון דער יוגנטארג קוקען מיט אנדערע אויגען און אננעמען אינגאנצען אנדערע מיטלען, זיי אויסצומיידען אין דער צוקונפט.

ריכטער לינדסי האט געהאט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען נאהענט מיט דער היינטיגער אמעריקאנער יוגנטארג. פיניף און צוואנציג יאהר איז ער אין קאלאראדא געווען א ריכטער און א קינדער־געריכט; צו איהם האט מען געבראכט די יונגע בחורים און מיידלעך, וואס זענען נאך קיין אכטצען יאהר נישט אלט, אויב זיי זענען בעגאנגען עפעס א פערברעכען, אדער זיי זענען גלאט אזוי פון גלייכען וועג ארונטער. ער האט זיך צו די „אויסגעגלייטשטע" יונגע בחורים און מעדלעך שטענדיג בעצויגען, ווי א גוטער פריינד, און מיט וואס ער האט נאר געקאנט, האט ער זיי ארויסגעהאלפען: הונדערטער און טויזענטער מעדלעך און בחורים פלעגען גאר אליין קומען צו איהם, ווען זיי האבען געהאט א דאגה; ווי פאר א גוטען פריינד, וואס קען העלפען און אנווייזען א בעסערען וועג, האבען זיי זיך פאר איהם פערטרויט, זיי האבען איהם אלץ דערצעהלט, נישט פערבארגענדיג קיין זאך. און ער האט זיי נישט גע'משפט, ווי א ריכטער, וואס האלט זיך ביים טרוקענעם בוכשטאב פונ'ם געזעץ; ער האט זיי ארויסגעהאלפען מיט אלין, וואס ס'איז נאר געווען מעגליך, און זייערע סודות האט ער קיינעם נישט דערצעהלט.

אויפ'ן גרונד פון די פאקטען, וואס ער האט געזאמעלט בעת ער איז געווען א ריכטער, האט ער שפעטער אנגעשריבען זיין בוך „דער בונט פון דער היינטיגער יוגנטארג". דער בוך איז ווירקליך פול מיט שטוינענדע פאקטען, וואס בעווייזען, אז די היינטיגע יוגנטארג איז ארויס פון די לייצעס און רעכענט זיך אינגאנצען נישט מיט דער מאראל פון די טאטעס און מאמעס. דער פערפאסער גיט אבער נישט אפ די אמת'ע נעמען פון די מיידלעך און יונגלעך; ער רופט זיי אן מיט פערשטעלטע נעמען. און אלע מאל ווען ער דערצעהלט אזא פאקט פרובט ער בעווייזען, אז ווען די עלטערען וואלטען געהאנדעלט אינטעליגענטער, מאלערהאנטער; ווען זיי וואלטען נישט געווען אזוי פערשקלאפט צו דער אפגעלעבטער מאראל, וואלטען זיי געקענט אויסמיידען א סך אומאנגענעהמליכקייטען און זייערע קינדער וואלטען פערשפארט צו בעגעהען אזעלכע פעהלערען אין לעבען.

צי מען שטימט יא איין מיט די מיינונגען פון לינדסי, צי ניין, איין זאך קען מען אבער נישט לייקענען: אז ער האט אין זיינע ווערק אנגערירט איינע פון די אנגעווייטאגטסטע פראגען פון אונזער איצטיגען לעבען.

עס איז שוין מעהר פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז דאס וואס היינטיגע יונגע מעדלעך און בחורים ערלויבען זיך, האט זיך די יוגנטארג פון די פריהערדיגע דורות קיינמאל נישט ערלויבט. דער היינטיגער דור נעהמט זיך אלע פרייהייטען, ווען ס'קומט צו דעם, וואס מען רופט געוועהנליך אן מיט'ן נאמען „ליבע". געשלעכטליכע בעציהונגען זענען געווארען אנ'עיקר, וואס פערנעהמט דעם איינזעלן. בעשיידענקייט זענען געווארען זאכען, פון וואס מען מאכט געוועהנליך חוזק. און — רופט דאס אן „פעהלערען" אדער „צולאזענקייט" — עס איז דאך א פאקט, אז יונגע מעדלעך און בחורים פון פופצעהן, זעכצעהן, זיבעצעהן און אכצעהן יאהר ערלויבען זיך אויפ'ן גאנג פון געשלעכט אזעלכע פרייהייטען, וואס מען האט זיך פריהער קיינמאל נישט ערלויבט.

אט איז איינער פון די פאקטען, וואס לינדסי דערצעהלט אין זיין בוך.

א מעדעל פון פופצעהן יאהר א שילערין פון א קאלאראדא'ר מיטעלשול, איז איינמאל געקומען צו ריכטער לינדסי נאך אנ'עצה. דאס מעדעל האט שוין פון פריהער געוואוסט, אז פאר'ן ריכטער דארף זי דערצעהלען דעם גאנצען אמת. האט זי איהם דערצעהלט. און דער אמת איז געווען א שרעקליכער: זי, דאס פופצעהן־יאהריגע מעדעל, האט שוין געליטען פון א קראנקהייט, וואס קען ברענ

(ענדע זייט 11)

די פרוי

(ראמאן)

פון א. י. גראדזענסקי

(55־טע פארטזעצונג)

בין איך איינמאל א פרייטאג צונאכט געקומען א ווייגער צוועלף, געזעהען אין קארידאר, אז אין די איבעריגע צימערען איז ליכטיג, האב איך מיר מישער געווען, אז איך בין דער לעצטער און איך האב פערוקט די טיר און בין אוועק שלאפען צו זיך אויפ'ן דריטען שטאק.

אפגעשלאפען בין איך מארגען א ווייגער צוועלף, לאז איך מיר ארויס אין גאס. אראפגעהענדיג געפין איך, אז פון נעכטען צוועלף ביי נאכט האט נאך קיינער פון הויז נישט געעפענט די טיר. ווי קען עס זיין? די זאך איז מיר געווארען אויפפאלענדיג ערשט אז איך האב זיך געפונען אויפ'ן גאס, דערזעה איך, אז מיר ענטקעגען געהט אן מיין באלעבאסטע, א נישט אויסגעשלאפענע און א ברוגזע:

— ס'מיינט סטיטש, מיר האבען דאך די נאכט צוליב אייך גענעכטיגט אין א האטעל און געצאהלט צעהן פראנק, — פאלט זי אן אויף מיר.

— וואס הייסט? — פערשטעה איך נישט.

— איהר האט פערריגלט די טיר און מיר האבען זיך שוין נישט געקענט דערקלינגען און דערקלאפען צו אייך, — זאגט זי אויפגעבראכט.

— ווער איז דער „מיר"? — פרעג איך.

— איך, מיין מאן און די קינדער. מיר זענען שוין דא געווען היינט פרי — און גארנישט — מיר האבען אייך נישט געקאנט דערוועקען. סארא הארטער פעטער איהר זענט. און די גאז ברענט נאך אויך די גאנצע צייט צוליב אייך...

יענעם טאג האב איך געהאט א סך צו לאכען און אין הארצען געדאט נקמה פון מיין באלעבאסטע, וועמען איך האב פיינט געהאט שנאת־מות.

— אזוי שטארק שלאפט איהר? — האט רייזעל געפרעגט מיט א שמייכעל.

— וועגען מיין שטארקען שלאף איבערהויפט, קען איך אייך דערצעהלען נאך א עפיזאד: דאס איז ווידער געווען אין דער זעלבער שטאט. געוואוינט האב איך שוין דעמאלט אין אן אנדער דירה, שוין ביי רוסישע יודען.

איינמאל א געוויסען טאג בעגעגענט מיך מיין באלעבאס'ס טאכטער, זעהר א שעהן מעדעל.

— אהא, סארא קאוואליער איהר זענט! מ'קען דאך אייך נעהמען אונטער נאכט און ארויס'גנב'ענען.

— וואס הייסט? — האב איך נישט פערשטאנען.

ס'האט זיך אויסגעלאזט ווידער א שעהנע מעשה: מיינע באלעבאטים זענען מיט אנ'אווענט פריהער אוועק אין טעאטער און פערגעסען מיטנעהמען מיט זיך דעם שליסעל פון טיר און זיי האבען זיך נישט געקענט דערקלינגען. זיי האבען אפגעקלינגען א פאר שעה, ביז זיי זענען בלית־ברירה אריבער געקראכען דעם פארקאן פון דער צווייטער זייט אין היות מיין פענצטער איז געווען אפען (איך פלעג שלאפען ביי אפענע פענצטער), האבען זיי גענומען א לייטער צוגעשטעלט צו מיין פענצטער און איינע נאך די אנדערע דורכגעקראכען דורך מיין צימער פערביי מיין בעט צו זיך אין וואוינונג, — און איך האב אפילו קיין שארך נישט געהערט און שלאף.

— קען מען דאך אייך ארויס'גנב'ענען ווי איהר שטעהט און געהט, — האט רייזעל א זאג געטון א פריילעכע.

— און אט האט איהר א דריטען עפיזאד: — האט לייקין גענומען דערצעהלען א נייע פאסירונג פון זיין לעבען.

— אויך וועגען אייער הארטען שלאף? — האט רייזעל געפרעגט זייענדיג אין גוטען הומאר.

— דאסמאל שוין וועגען נישט שלאפען, — האט לייקין געענטפערט פילענדיג זיך אין א געהויבענער שטימונג, — און אנגעהויבען:

— וואוינענדיג ווידער אמאל ביי א גאליציאנער יודישער פאמיליע אין אנטווערפען, קום איך איינמאל צוגעהען שפעט אין אוונט א טויט־מידער מיט א בענקעהר זיך גלייך ארייגצוווארפען אין דער ווייכער בעט שלאפען. איך טו א עפען די טיר פון מיין צימער און שטעלט זיך פאר, אז איך דערזעה אזא בילד: ביי מיר אין צימער זיצען ארום מיין טיש מיינע באלעבאטים, זייער טאכטער מיט געסט און אויפ'ן טיש שטעהט כיבוד... איך זוך מיט מיינע אויגען מיין בעט. מען האט עס ארויסגעטראגען. ארויסגעטראגען מיין וואשטיש און בכלל אלין, וואס איז איבעריג און א גאסט צימער. טויט מיד בין איך געווען, שלאפען האב איך גע'חלשט — און דא לאדט מען מיך אויך צום טיש, איך זאל זיך זעצען מיט אלע איבעריגע געסט. איך האב פערשטאנען, אז מיין באלעבאסטעס טאכטער זעהט זיך דאס איצט מיט א חתן און מיין צימער אן מיין דערלויבניש, און דער צייט ווען מיר ווילט זיך שלאפען. בקיצור איך האב מוחל געווען דעם כיבוד און בין ארויס אינגאנצען אין קיך ווארטען, ביז וואנען דעם חתן וועט נישט נעהמען דער רוח און ער וועט מיט זיינע געסט בעפרייען מיין צימער. ס'האט אבער צו לאנג געדויערט. דער חתן מיט די מחותנים האבען זיך גארנישט געאיילט צו פערלאזען מיין צימער. איז מיר דערעסען געווארען די ווארטעניש און איך האב זיך געלאזט געהען איבער די גאסען פאלענדיג אויף די פיס פון מידקייט...

לייקין האט בעמערקט, אז רייזעל דרעמעלט. ער האט זיך שטיל אפגערוקט אויסגעטון און זיך געלייגט אין בעט...

ליגענדיג זענען איהם בעפאלען איום מחשבות. ער האט געזוכט ביי זיך צו דערקלערען זיין איצטיגע גלייכגילטיגקייט צו רייזלען. צי זאל דאס זיין דערפאר, וואס איצט איז זי שוין מעהר אזוי פרוי, ווי אלס מעדעל? צי זאל זיין דערפאר, ווייל איצט געהערט זי צו א מאן?

איהם האט געוואונדערט, וואס אויף זיינע פראגען וועגען איהר פאמיליענלעבען, מיידט זי אויס צו ענטפערען. הייסט עס, אז זי מוז זיין נישט גאר צופרידען, אויב איהר גופא איז נישט אנגענעהם צו רעדען דערפון.

— און דאס, וואס זי דערלויבט זיך, בעת זי האט שוין א מאן, אוועקצוגעהן פון דער היים און פערבלייבען מיט איהם, לייקינען, וואס איז דאס?

— און וואס בכלל האט זי רייזעל — וואס האט א מאן — פאר א שייכות איצט מיט איהם, לייקינען — דעם בחור?

מיט איהר, רייזלען, האט ער שוין לאנג אפגעשלאסען און זיין לעבען. זי געהערט איצט צו זיין פערגאנגענהייט. זי געווערט אצונד מיט לעב אין ישמח. מיט איהרע געפיהלען און געדאנקען, מיט איהרע אלע איבערלעבענישען צו איהר מאן — וואס איהם איז ער ווילדפרעמד, וואס איהם געהט ער זיך אן, ווי דער קאנדוקטאר פון קוריער־צוג, מיט וועלכען ער איז געקומען קיין קיעוו. יענעם האט ער כאטש אמאל צוויי געזעהען אויף איין אויגענבליק — און דעם ווייס ער אפילו נישט זיין פרצוף, זיין אויסזעהן, זיין געשטאלט. און פונקט ווי אט דער איז איהם פרעמד, ווייט און אינבעקאנט — אזוי שפירט ער, ווערט איהם איצט אויך זי, רייזעל. יענער — דער מאן איהרער, — דערווייטערט איהם פון איהר אינגאנצען, נעמט איהר ביי אים פאר זיך, פאר זיין לעבען.

וואס איז איהם, לייקינ'ען, פרעמד! געמט איהר אפ פאר זיינע יונג־בעלהבית'ישע קאפריזען און לייבעגשאפטען, פאר זיינע בעדערפנישען אלס מאן... און ער, לייקין, איז דא א פינפטער ראד צים וואגען, אנ'איבעריגער, אנ'אינגעוויינגטער נישט מעהר ווי א שטערער... וואס מיינט ער, לייקין, איהם וועט געלינגען אצינד דעם ווייבעל רייזעל אויף א רגע אפצוווענדען איהר אויפמערקזאמקייט פון איינגעם מאן פאר איהם?

מאדנע, וואס ס'טראכטען זיך איהם איצט אזעלכע נארישע מחשבות? ער איז געקומען דא אין קיעוו נישט מעהר ווי אויף אנ'אויסשטעלונג. ער איז אויסער צו פערקויפען דא נאר איינע ביידער און מעהר גארנישט — און דין זעל צופעלליג וואינל זי אויך אין קיעוו, גו, איז וואס איז דערפון דער מעהר? לאז איהם דאכטען, אז זי, רייזעל, געפינט זיך ערגיץ אין א ווייטער שטאט. ווי וואלט דעמאלט געווען?

אבער ניין! זי געפינט זיך דוקא אין דער זעלבער שטאט, וואו ער האט אצונד זיין אויסשטעלונג, און נישט נאר אין דער זעלבער שטאט געפינט זי זיך — נאר אין זעלבינען צימער, וואו ער וואלגערט זיך אין בעט און קאן נישט איינשלאפען. אט דארטען, אויף דער פלוישענער זאפע ליגט זי אויך אין די זאכען און שלאפט. ווען ס'זאל נישט זיין פינסטער אין צימער, וואלט ער געזעהן קלאר איהר געשטאלט אויסגעצויגען אויף דער זאפע.

און ווער זאגט איהם, אז דא אויף דער זאפע אין זיין צימער, שלאפט דאס די רייזעל, וואס האט אונטערהיים א מאן? אפשר שלאפט עס גאר אנ'אנדער רייזעל, וואס איז נאך א מיידעל פונקט ווי אין קראז־שטאט?

ס'ארא נארישע מחשבות ער טראכט היינט, פונקט ווי ער וואלט געווען שכור.

פלוצלונג האט זיך דערהערט אין דער פינסטער א סקריפ פון דער זאפע און ער האט דערהערט רייזעל'ס פערשלאפענע שטים:

— לייקין!

— וואס איז, רייזעלע? — האט ער ווייך געפרעגט.

ער האט געהערט אין דער פינסטער, ווי זי נעהמט זיך אויסטון און איהרע בארוויסע פיס שארען זיך איבער'ן דיל...

(המשך קומט).

חוזק
הומאר און סאטירע פון דער וואך
צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

מיין בעגריסונג
צום 25-יעהריגען יובילעאום פון מיין געוו. רעדאקטאר לאזאר קאהאן

שווער פון אלע זיינע מעלות
אונטערשטרייכען דעם באלאנס,
ווייזט מיר נאר אזא רעדאקטאר,
וואס פליגט געבען אנאוואנס

פאר א ליד און פעליעטאנדעל,
וואס איך שרייבען שפעטער זאל
און געהאט האט ער א מבט
צו פערגעסען אויך אמאל....

און דערנאך זאל ער לעבען
לאזאר קאהאן — דער יובילאר,
וואס פלעגט אפטמאל פאר א לידעל
צווי מאל צאהלען האנאראר.

גראף קאלי.

אזוי זאגט דער חוזק-פילאזאף

אנשטאט די קעלער-בעקערייען וואלט מען גערארפט פערמאכען די ווארשא-ווער אוועגר-בלעטלעך.
זיי באקען לוגענס אויף וואס די וועלט שטעהט.

פארוואס איז ארויס אזא שטרענגע פערארדנונג צו קאנאליזירען די הייזער?
ווייל אלין און לאדז מוז איצט זיין ריין: די געשעפטען זענען ריין פון קוינים, די פאלוצעס זענען ריין — פון סחורה, די טאשען זענען ריין — פון געלד. א חוץ געוויסע „עסקנים", וואס האבען ניעט קיין ריינעם — געוויסען.

סאקראטעס

וויכטיג
פאר כלה-לאזע בחורים, און פאר חתן-לאזע מעדלעך
א געוועזענער סוחר, איצט א שדכן, עמפפעהלט א גרויסען אויסוואהל פון
כלה-מעדלעך און בחורים אויף ראטעס
צוגענגליכע פרייזען,
שוין אומזיסט!
געניערעס אינפארמירט דער קאנאזארגער

דער סוחר און דער קאלענדאר
(עפיגראם)

דער סוחר און דער קאלענדאר
זענען גלייך, דארף מען וויסען;
סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער
גלייך ווערען אויסגעריסען.

ק—נער

פון ביכער-מארק

נאר וואס ערשינען:
„מערידען" א ווערק מיט אנווייזונגען, ווי אזוי זיך צו פערהיטען פון „געזעס-קראנקהייטען" פאר אלע, וואס לייבען פון ווייען.
מחבר ד"ר לעבערמאן, מיט א פאר-ווארט פון פראפ. ווינצענטי וויטאס.

גאט פערלאזט ניעשט
אונטערגעהערט אין שניידער-מייסטער-פעראיין

— דו האסט עפעס ארבייט.
— אך, קיין שטאך ארבייט, און דו?
— איך מאך איצט אנ'אנצוג פאר די רעגלעטע פועלי-ציון (פאר לייזער לעווין מיינט ער מסתמא)...

ראמאנס פון א בעל-עגלה
געזונגען אויף דער פייפערצוקע

די נאכט איז שטיל. די נאכט איז בלוי,
מיר בהדרע געהען צוזאמען.
איך קוק אויף דיר און טראכט ביי מיר:
א רוח אין דיין מאמען!
די נאכט איז שטיל. די נאכט איז צארט.
עס פינקלען שטיל די שטערען.
מיר געהען ביידע שטיל פערטראכט
און קוקען באנוקערען.
זיי רההוג קינד, לאז רההוג זיין
דיין אויפגערעגט געוויסען...
אט קויף איך באלד דיר א שאקאלאד
און קויף א באר ארויסען...
די ביסט מיין לעבסטע אויף די ערד,
כ'וואלט אלץ פאר די געגעבען,
א חוץ מיין שקאפע און מיין פערד —
ביזט מיין גאנצער שטרעפען...
דערבלאנדער

וואס איז א מאסקענבאל?

זאג מיר, בעריל, וואס איז דאס אזוי'ם א מאסקאראדע?
א מאסקאראדע איז געפלויבען צו א ווונדער-מיהל.
דהיינו?
ביים טאנצען, בלאזט א ווינד, און פון די ווייבער'ם בגייס'ער שוט זיך מעהל.

קום שוין, משיח!..
פון גראף קאלי.

נו קום שוין, משיח, אראפ אויף דער ערד,
קאן זיין אויף א קליינינקער ווייסינקע: צרה,
קאן זיין אויף אנ'אויטא, קאן זיין א פ' עקספרעס'
נאר קום שוין וואס שנעלער, בעוויז אונז א נס ...

קום שוין, משיח, ס'איז צייט שוין געוויס,
עס איז כלתה פרוטה ביי אונז אין הכיס...
אמעריקע, אויך אין דעם גאלדענעם לאנד
איז ס'גאלד אויסגערונען... פערבליבען נאר זאמד ...

א קום שוין, משיח, גענוג שוין געטראכט,
עס ווערען די לענדער פערהאמערט' פערמאכט.
עס מאכט יעדער שבת פאר זיך נאר אליין,
דער ארימער אורח אין דרויסען בלייבט שטעהן...

א, קום שוין, משיח, און ברענג אונז א טרייסט,
מיר ארט ניעשט דער הילוך. אין וועלכען דו געהסט
עס וועט קיין קאנטראליע ניעשט מאכען דיר ווער.
צי ביזט א מזרחי, צי פאהרסטו קיין גער?..

אונזער בריף-קאסטען
אנפראגעס פון די לעזער

דער מאגיסטראט פראיעקטירט איינ-צופיהרען א נייעם פעסטער-שטייער, פרעג איך, צי איינער וואס טראגט ברי-לען וועט אויך אונטערליגען דעם שטייער?

א צווייטע פראגע:
איך שנייד אלע טאג מיין ווייב, צי חיים איך אויך א „דאמען-שניידער", און וועל מוזען אפהאלטען אנ'עקזאמען?
א דאמענבעשטעלטער.

צווישען קליינהענדלער

— נו, ווי האלטסטו, בעריל, דו האסט שוין אויסגעקויפט א פאטענט?
— פון וואנען אן דארף מען שוין אויפ'ן דלות אויך האבען א פאטענט?
סאקראטעס

א שומר חנם ...

ווייב (טרעפענדיג דעם מאן אין דער קיך): אזוי גאר? שעהן נחת!
מאן: האסט דאך אליין געזאגט, אז מ'מוז די קעכין היטען אויף שריט און טריט.

יודישע עצות
אומזיסט פאר די חוזק-לעזערס

ליבער „חוזק"!
איך בין א ווראהזאגע בגרויסטקע. א טשלאנקיניע פון „יאף", איז מיר גע-שעהען אנ'אומגליק. דעם הייאהריגען סילוועסטער האב איך מיך בעקענט מיט א לינקען פעצעק, און איך האב איהם אויפ'ן ארט ליבע געשוואוירען, וואס טוט מען?
אונזער ענטפער:
האט ניעשט קיין יסורים, טייערע חבר-טע. קוים האט איהר איהם ליבע גע-שוואוירען, וועט ער פון אייך ממילא ענטלויפען.

אויפ'ן באלוטער פלאץ

דו זעהסט, יעמער דארט איז פול מיט לעבען.
וואס רעדסטו, ער נעהט דאך נאקעט און בארוויס?
אט דאס מיין איך דאך, ער געהט לעבען די שיך, לעבען די הויזען. וואוינט לעבען א דירה, פערברענגט לעבען א מיטאג א. א. וו.

פאליטיק און מאסקאראדע
וואס א פראסטער בשר ודם זעהט און וואס פאליטיקער זעהען

— זאג מיר, וואס האסטו געזעהען אויפ'ן ארטיסטישען מאסקענבאל?
דער זאל האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון א פעלקער-בונד. א גע-מיש פון פעלקער און זייערע נאציאנא-לע קאסטיומען. אט זיצט דער רומעני-שער קעניג און מאכט חנד'לער צו עפים א יודישער גרושה. ווייטער זיצט א פראנ-צויזישעקע און פלירטעוועט מיט א פוי-לישען מיניסטער. עס רוקט זיך אונטער א דייטשקע און א פערשארטען קאסטיום און „גאבינעט" א רוס. און וואס האס-טו געזעהען?
— איך האב געזעהען איבערגעטוישטע פויפסטלעך. רבנים נדרוט צו געבען חופה וקדושין. און א ווינקעל און געזעסען א לעבעדיגער „טרעווידאנוס" און האט דוקא געוואלט רעווידירען דעם „טראק-טאט"...
בענוגען און זיך דער עולם פונאנדערגע-גאנגען, און פון אלעם האט זיך ארויס-געלאזט א-בוידעם — פונקט ווי א זיצונג און געענד.

אוי, די פיס!..
דערצעהלט פון דיכטער לייב יפה

א דעלעגאציע פון „קרן קימת" איז ארייגעקומען צו א בעקאנטען לאדזשער עסקן: דער עסקן, דערוויסענדיג זיך וער ס'איז דא, איז ער ארונטער אונטער א קייז עפאניש ווענקעל. אזוי אז מ'האט געזוכט די פיס. די פרוי האט דער דע-לעגאציע ערקלערט, אז דער מאן איז נישטא אין דער הויז
— אבשר זאלען מיר צייטיגען?
— האט איינער פון דער דעלעגאציע גע-פרעגט.
— ער וועט קומען שפעט ביינאכט — האט די פרוי געענטפערט.
ארויסגעהענדיג האט זיך די דעלעגא-ציע העפליך געזעגענט מיט דער פרוי, און איינער האט צו איהר געזאגט:
— מאדאם אויך, זאגט אייער מאן, נאכאמאל, אז ער וועט געהן און נאס ארויס, זאל ער מיטנעהמען די פיס..
איבערגעגעבען פון
ע. לאסט

פראגמענט
פון א ניי ערשינענעם ראמאן

... „איך בין פשוט ענטציקט פון איי-ערע ביידע רייצענדע קונדערלעך, גנע-דיגע פרוי".
די יונגע שעהנע מוטער האט גליקליך געלאכט און געענטפערט:
(פארטזעצונג קומט)

שלום אש איז לאדז

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט אין לאדז בקרוב איינגעארדענט ווערען אנ'אש-יובילעאום.
מחמת דעם וואס דער קבלת פנים ווערט ניעשט ארגאניזירט דורכ'ן לומפע-ראטען פעראיין, איז דא א גרויסע האפ-נונג, אז דער יובילעאום וועט זיך איינ-געבען...

גוט געזאגט
נאר שלעכט פערשטאנען

קנאפו.
— וואס הערט זיך עפים מיט דיין מאנופאקטור-געשעפט, וואס דו האסט פאראיאהרען געעפענט?
— זעהר גוט. איך בין ארויס מיט א הויז.
— וואס הייסט, האסט געקויפט א הויז?
— ניין — מיט איין פאר הויזען...
קנאפו.

פעטע קיה און מאגערע קיה
פון דער סדרה

זאג מיר, וואס איז דער חילוק פון פרעה'ס ציימען ביז היינטיגע צייטען?
א גרויסער חילוק: אין פרעה'ס צייטען האבען די מאגערע קיה איינגעשלינגען די פעטע קיה, און היינטיגע צייטען, שלינגען די פעטע קיה איין די מא-גערע קיה.
ווערמען מיינסטו דאס?
נו, „ווירזעוו"!..
ק — ר.

אנאנס
איך זוך א מעדעל וואס זאל האבען
געסקינטשעטע אנ'אוניווערזיטעט
מיט א מענדאל און מיט א פאר טוי-זענד דאלאר. און דערצו דארף זי קענען אפקאכען א מיטאג.
איך בין אליין א געסקינטשעטער, נאר וואס נאכ'ן עקזאמען. אפערטען צום „חוזק" פאר.
אנ'עקזאמינירטער דאמען-שניידער

וואו איז אבערזשאנעק?
(פון דער סעריע: „בעגעגענישען")
פון י. אבערזשאנעק

אין דער רעדאקציע קומט אריין א יוד. קוקט זיך ארום און אלע זיינען בע-טראכט יעדען איינציגען מיט פארשעמטע בליקען.
— וועמען זוכט איהר, ר' יוד? — פרעגט מען איהם.
— איך זוך אבערזשאנעק'ן. דעם, וואס שרייבט יעדען פרייטאג די „קו-מישע זאכען".
— איהר זענט עס דער אבערזשא-נעק?
— יא, פונקט דער איינער. וואס פערלאנגט איהר?
— איהר געפארט מיך נישט? — פארשט דער יוד מיט זיינע בליקען — איהר זעהט נישט אויס צו זיין דער... דער.. נו, דער, וואס שרייבט די „קומי-שע" מעשיות. איהר זעהט גארנישט אויס „קומישענע"...
אלזא, וואס האט אייך געבראכט אהער, ר' קרוב?
— איך האב זיך מיט אייך שוין לאנג געדארפט אדורכשמועסען, נאר היינט בין איך שוין צו אייך געקומען מיט א פרעטענזיע.
— דהיינו? וואס לינט אייך אויפ'ן הארצען? משיקאניע צו הערען, וואסע-רע פרעטענזיע אזא יוד האט צו מיר.
דא האט זיך דער יוד אויסגעהוסט, אויסגעטון דעם שאלעק. איז געווארען א ביסעל היימישער און איז ארויס מיט לשון:
— איך האב אייך געוואלט זאגען, אז אלע נעהמט איהר אויפ'ן צימבעל, איהר זשאלעוועט נישט די ווייבער, איהר זאגט ארויס די מענער. איהר חוזק'ט פון די היינטיגע מאדעס. איהר שעהמט אייך נישט פאר די פלי-מוגער און רעדעל-פיהרער, וואס פיהרען דעם עולם ביי דער נאז. וועגען אלעם שרייבט איהר. אלין האט איהר אויפ'ן קאפ, און דאס זיבעטיגסטע, דאס וואס איז דער עיקר, דעם, וואס מ'דארף אויף אנ'אמת ארייג-צומבלען, דעם טשעפעט איהר נישט.
— וועמען, נאך אייער מיינונג דארף מען עס צומבלען?
— איהר ווייסט אליין, איהר מאכט אייך נאר נישט וויסען.
— אדרבה, לאמיר הערען.
— נו, איך מיין דעם קומפעטמארן-קליניק.
— דעם קומפעטמארן-קליניק גאר? פארוואס קומט עס דעם קומפעטמארן-קליניק צו צומבלען, פארוואס? דאכט זיך, א גאנץ לעטנישע אנסטיטוציע, און וועלכע טענות האט איהר צו דער קומ-פעטמארן-קליניק?
— אט, אט, — ענטפערט דער יוד— איהר פרעגט, ווי א פאכמאן. וואסערע טענות קאן אזא יוד ווי איך האבען צום קומפעטמארן-קליניק? און וואסערע עסקים קאן א מאנספערשוין איבער-הויפט האבען מיט קומפעטמארנס? עס איז דאך, דאכט זיך א ריין-ווייבערישער ענין? און איך זאג אייך, אז איך האב גרויסע טענות. צו וואס, איך בעט אייך, דארף מען די קומפעטמארן-קליניק? און אז ס'איז שוין דא א קומפעטמארן-קליניק, דארף זי האבען א טעלעפאן? איך פרעג אייך, צו וואס דארף די קומ-פעטמארן-קליניק א טעלעפאן, צו וואס? א טעלעפאן דארף האבען די פאנאטא-וויע, די פייערלעשער, אבער א קומפע-טמארן-קליניק מיט א טעלעפאן — אויף וועלכע כפרות?!..
— ר' יוד, עפים רעדט איהר האלבע ווערטער. זאגט וואסערע טענה האט איהר צום קומפעטמארן-קליניק.
— אויב אזוי, האט דער יוד געענט-פערט, מוז איך אייך שוין דערצעהלען די גאנצע מעשה פאראנגע:
ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך א יוד א בעוויבטער. איהר האט אויך א ווייב? מסתמא יא, וועלכער יוד האט עס נישט קיין ווייב. און צו וואס האט א יוד חתונה? ער זאל האבען א קינד. וואדיב וואס איז דען דאס גאנצע לע-בען, מ'שטיינס-געזאגט? ווי זאגט איהר: א „זאבאוועקע" אין שפוב. צעריקגעשמ-עסט, איז עס א קאצע „זאבאוועקע". אוי-בונג האבען צו מון ווינדעלעך, מיט מאמקעלעך, מיט קריסטוילעך, מיט מאזעלעך, מיט צוינדעלעך, מיט באנקע-לעך, אחביג א נעקוויטשערייע, און אויף צו להכעים האבען זיי ליב צו קוויטשען בייטאכט. איהר הלש'ט שלאפען, און דער קליינער וועוורוק רייסט זיך, ווי איהר וואלט איהם די ארענדע אויסגע-דינגען. איהר זענט דאך, זאגט איהר, אויך א בעווייבטער, און אז איהר זענט א בעווייבטער, האט איהר דאך מסתמא אויך אזא „ביסעל סחורה", נו ווייסט איהר דאך פון דעם טעם גאנצע נעכט ארומצוגעהן איין שטוב און זינגען און בסדר טוישען די ווינדעלעך...
אי, וועט איהר פרעגען: צו וואס דארף מען האבען קינדער, מ'זאל ביי זיי פער-שלאפען און פערפינסטערט ווערען? אונזערע שונאים זאלען נישט האבען קיין קינדער. וואס איז דען ס'גאנצע לע-בען אויף דער וועלט, און נחת פון קינ-דער איז ביי אייך נאנישט? און אז אייער קליינער וועוורוק רייסט אייך די בארד, איז ביי אייך א קנאפער נחת?..
— אויב אזוי, אויב אייער וועוורוק רייסט ביי אייך די בארד, האט איהר דאך נחת פון קינדער, טא וואס זינדיגט איהר, וואס?
— אוודאי, ענטפערט דער יוד, אייך און גוט צו זאגען, אז איהר האט יונג-לעך.
— און וואס האט איהר, ר' יוד?
— איך האב צרות — מיידען! מיי-דען און מיידען, בסדר מיידען. איהר ווייסט, וואס דאס הייסט זעקס מיידען? זעקס מיידען קליידען, זעקס מיידען און דער שילע. זעקס מאל און יאהר איינ-ארדנען „אורארושינעס". צו זעקס מיי-דען וועלען קומען „קאלעגעס", פאר זעקס מיידען פודער מיט שמינקעד און וואו איז פאר זעקס מיידען נדנים? די היינטיגע בחורים קענט איהר דאך, זיי ווייסען נישט פון קיין שום גליקען. אזוי זענען זיי וויינר נאר צו א מפה צוצוליי-גען. אלץ וועלען זיי אייך טון. געהן מיט א מיידעל אין קינא, אפרוטשען „חצות" און „העלענאוו", טאנצען און „באוויען" זיך — אלץ יא. און טאמער נעמט מען מיט זיי א שמועס פון כתובה 18 און 13, קרינגען זיי א בארעלגויש אויף די אויע-רען. ס'ערשטע פרעגען זיי: ווי זעהען אויס די „עטיקאצער זאכען"?... נו, פון וואנען נעמט מען פאר זעקס חתנים די „אמעריקאנער זאכען", פון וואנען? איך פרעג אייך: פון וואנען נעמט מען אזא מאיאנטעק, פון וואנען?
— יא, זעהר ריכטיג, איהר זענט גע-רעכט, אבער וואס האט אייך מיין קרא-וואט געטון? וואס ציהט איהר מיר דעם קראוואל ארוים?
— ווער? איך? וואס האב איך צו אייער קראוואט, וואס? איך וויל אייך נאר דערצעהלען וועגען מיין לעצטער מפלה, און דאס אלץ צוליב'ן — קומ-פעטמארן-קליניק:
אז איך האב מיך ארומגעזעהען, וואו איך האלט און דער וועלט. זעקס מעד-טער און נישט קיין געלעגטער. און צו די צרות שרייט מיין יודענע, אז און דער מיידען-געראטעניש בין איך שול-דיג. איהר הערט: איך בין שולדיג. שריי איך צו מיין יודענע: „צא יא דא פאנא, טא פאן נא מניע". אז דו שוטסט מיט „ראזשעקעטע סחורה", בין איך שולדיג? נאר וואס איז דער חילוק, ווער ס'איז שולדיג, אבי איך האב צרות, און אלץ הייסט צרות? איך האב דאך שוין נישט קיין נעמען, איך האב שוין אויסגענוצט אלע נעמען פון מיינע באבעם און על-טער-באבעס, מוהמעס און עלטער-מוה-מעס, וואס רוהען לזכרונגען גן-עדן. איך האב שוין געגעבען טאפעלטע גע-מען: איטע ביילע, שרה לאה, חיה זלא-טע, הענע גנענדעל, גאלע ברעינדעל. אלע נעמען האב איך שוין אויסגענוצט. איצט פעהלט מיר שוין אויס נעמען — כ'האב שוין נישט מעהר...
פאר עטליכע חדשים, אז איך האב געזעהען, אז מיין יודענע איז מיר עפים ראסנג... אז עס „גערדושעט" זי, און „עס שמעקט זי און" צו עפים „הארצונעס"... האב איך דאך פערשטאנען וואס דאס „גערדושען" און דאס אנשמעקען צו „הא-צונגע" זאכען איז טיימש, האב איך איינגענומען מיין יודענע און א ווייט און געפערגט איפ'ן אויער:
— מיידעלע... עפים ראכט זיך מיר...
— יא, האט זי געענטפערט מיט א וויערע מינע. ס'איז א שטראף פון גאט...
איהר האט שוין אמאל בעקומען אומפערוכט מיט א שמעקען אובער'ן קאפ? אט איז מיר געפאלען א זיבעטע מיידעל — יא, האב איך גע-האט, הערענדיג מיין ווייב'ס בשורה. מסתמא א פרישע טויט, א זיבעטע מויד איך פרעג אייך, איהר וואלט אייך נישט א מעשה אנגעטון?
— איהר זענט גערעכט, כשר גע-רעכט. זיבען מיידען, נאך דערצו זיבען איינענע מיידען, און נישט קיין געשמא-קע זאך. אבער וואס איז דער לעצטער שולדיג? וואס רייסט איהר דעם לעצטער וואס?
— איך רייס אייער לעצטער? וואס האב איך צו אייער לעצטער, וואס? איך וויל אייך נאר דערצעהלען וועגען דער קומפעטמארן-קליניק:
און וואו האלטען מיר? ביי דער זי-בעטער מויד. אז ס'האט אונטערגערוקט די צייט, האב איך מיין יודענע אוועק-געפיהרט און קומפעטמארן-קליניק. אפשר און זכות פון קליניק. און קליניק קומען פאר אזויפיל בריה'ן, אפשר וועל איך אויך געהאלפען ווערען.
פערגאנגענעם פרייטאג בענאכט, קלינג איך אן און קומפעטמארן-קליניק, אנ-פרעגען זיך, וואס מ'הערט.
— ווער רעדט? — פרעגט א ראמען-שטימע.
— דא רעדט, זאג איך, רובינשטיין, וואס הערט זיך מיט מיין פרוי?
— מזל-טוב — ענטפערט מיר די שטימע — א יונגעל.
האט ווייטער איז געוועז, געדענק איך נישט. איך געדענק נאר, אז ס'האט מיר געגומען „שווינדלען" פאר די אויגען. שווארצע רעדער און פונקען. און מסתמא בין איך אוועקגעפאלען אין חלשות. איהר זאלט מיר געזונד זיין, ווען מ'זאגט אייך אזא בשורה, וואלטען אייך נישט געפלויגען קיין פונקען פאר די אויגען, איהר וואלט נישט איינגעפאלען און חלשות?
איז זאג שוין גוט, הא? איז דאך די קומפעטמארן-קליניק א וואוילע אינ-סטיטוציע? הייבט זיך ערשט נארנישט אן — הערט א מעשה:
אז איך בין א ביסעל געקומען צו מיר, האב איך צוזאמענגעלאפט די גאנצע משפחה. איינגעקויפט פעסלעך בויר, גע-זאמען ארבעס. אלץ כיד המלך, און וואס איז דער חידוש, וואס? נאך זעקס מיי-דען — א קדיש? איהר וואלט נישט אנגעפראשט גענומען, איהר וואלט נישט געקויפט קיין פעסלעך בויר מיט געזאטענע ארבעס — א קלייניגקייט אזא שמחה!..
נו, שטעלט אייך פאר אזא מעשה? פרייטאג צו נאכטס זענען זיך און קלי-ניק צוזאמענגעקומען געסט, קרובים, בעקאנטע, שכנים. און ווי איך קום ארין און קליניק, קומט מיר ענטגעגען — מיין ווייב.
— וואס איז דאס? ווי קומסטו עפים יעצט אהער? פרעגט מיך מיין יודענע.
— וואס הייסט? — זאג איך — מיר זענען דאך געקומען אויפ'ן זכר. עס איז דאך שוין דא בייער, געזאטענע ארבעס.
— ווער מיר זכר, און וואס מיר גע-זאטענע ארבעס? איז מיין יודענע גע-בליבען שטעהן.
וואס זאל איך אייך א סך מאריך זיין? און קליניק איז טאקע געווען א זכר, אבער נישט ביי מיר. די „פאנגע" וואס איז געשטאנען ביים טעלעפאן האט פער-הערט דעם נאמען: איך האב געזאגט: רובינשטיין, האט זי געמיינט — בארענ-שטיין. און דעם זכר האט טאקע גע-האט בארענשטיין, נישט רובינשטיין...
פון נרוים עגמת נפש און חרפה האט איך מיין יודענע גענומען אהיים, און און דער זעלבער נאכט איז מיין יודענע געלעגען געווארען, און וואס, מיינט איהר, האט זי געבוירען? — א צוויי-לינג! און וואסערע צווילינג? — צוויי מיידלעך!..
פאניע אבערזשאנעק, איך בעט אייך, שרייבט עפים וועגען קומפעטמארן-קלי-ניק.
מיר טוען דעם יוד צוליב און מיר שרייבען וועגען קומפעטמארן-קליניק...

לאדז
16 יאנואר 1931
זון [illegible] 7.40
זון [illegible] 3.53

פרייטאג כ"ז טבת תרצ"א פ' וארא
ליכט־צינדן: 3.38

טאג־כראניק

פייערונג פאר דער יוגענד אין „אהל יעקב"

היינט, פרייטאג צו קבלת שבת קומט פאר אין דער ציוניסטישער שוהל „אהל יעקב" (גדאנסקא 18) א פייערונג פאר דער יוגענד. א רעדע אויף ד. ט.: „גאולת הארץ און די יוגענד" וועט האלטען דער דעלעגאט פון דער קרן קימת ציוניסטישע אין ארץ ישראל, ד"ר א. ש. יורים, וועלכער וויילט איצט און אונזער שטאט. דער אנהויב פון דער פייערונג איז האלב 4 נאכמיטאג.

העברעאישע פארשטעלונגען

די „העברעאישע דראמאטישע סטודיע" אין לאדז, וועלכע עקזיסטירט שוין זייט דריי יאהר, ארבייט לעצטענס זעהר אינטענסיוו. עס ווערען צוגעגרייט וויספיאנסקי׳ס טראגעדיע „די ריכטער" און „ראם האנגער טעאטער" גראטעסקע און צוויי בילדער פון סערוואנטעס, רעזשיסירט דורך ארטור סימי ווינשטאק.

פון לאדזשער האנדעלס־געריכט
—:0:—

אויפגעלעזט דעם „נאדזאר" פון „לעאנארד וועלקער און גירבארדט"

רעגולאציע־ און קרעדיטאר־עז־אפמאך

(5) ווי בעוואוסט, האט די בעקאנטע אקציען־געזעלשאפט „לעאנארד, וועלקער און גירבארדט" גענאסען פון א „נאדזאר" זינט דעם 8. אפריל 1930. סוף 1929 האט דער בילאנס פון דער פירמע זיך געשלאסען מיט 32 מיליאן 473,616 זל.

דורך דער צייט פון „נאדזאר" האט די פינאנציעלע לאגע פון דער אונטערנעהמונג בעדייטענד זיך פארבעסערט. זי האט אפגעצאהלט 3 מיליאן 397,412 זל. פון 30. אפריל 1930 ביז׳ן 30. נאוועמבער 1930 האט די פירמע געהאט רווח 485,726 זל.

אין סעפטעמבער פ. י. האבען די אקטיוון בעטראגען 17 מיליאן 231,910 זל., די פאסיוון 12 מיליאן 420,662 זל.

איצט האט די פירמע געבעטען מען זאל אויפלעזען איהר „נאדזאר". די בייטע איז געווארען בערוקזיכטיגט.

* * *

אין מאי 1929 איז די פארבערייט אין אפרעטור „אגיל" (קאראלא 38) געשטעלט געווארען אונטער אנ'אופאר־לאשטש. די אקטיוון האבען דאן בעטראפען 105,379 זל., די פאסיוון — 156,451 זל. צוליב מאנגעל אין אומזאיץ קאפיטאל איז די פאבריק בעת'ן ליוף פון אופארלאשטש נישט געווען טעטיג. אונטער דער אופאדשלאשט מאסע געהען ארייז חובות אויף קנאפע 20 טויזענד זל.

די קרעדיטארען האבען געשלאסען א קאלעקטיווען אפמאך מיט'ן ציל צו ליקווידירען די אונטערנעהמונג. דער אפמאך איז בעשטעטיגט געווארען. דאגעגען איז אפגעווארפען געווארען די בייטע צו אנערקענען די בעזיצער פון דער פירמע פאר באנקראטניקעס צוליב בייזוויליגקייט דערפאר, ווייל פאר'ן בעטען צו ערקלעהרען זיך אין באנקראט, האבען זיי אויפגעהערט צו פיהרען ריכטיגע האנדעלס־ביכער.

* * *

אויך איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען דער באנקראטירטער אקציען־געזעלשאפט „זעה־אינדוסטריע", וועלכע האט שוין געשלאסען א רעגולאציע־אפמאך מיט די קרעדיטארען אויף 15 פראצענט. 4 קרעדיטארען פון 1 מיליאן 59,516 זל. האבען זיך געהאט ארויסגעזאגט פאר די רעגולאציע־בעדינגונגען. די איבריגע 27 קרעדיטארען זענען געווען געגען די רעגולאציע־בעדינגונגען. 2 פון זיי האבען ארייגעטראגען שריפטליכע אפאזיציעס, אין וועלכע עס ווערט געזאגט, אז די פירמע האט אפגעשטעלט די צאהלונגען מחמת בייזוויליגקייט. אויף דער נעכטיגער זיצונג זענען די אפאזיציעס צוריקגעצויגען געווארען. נאר צוליב דער נעגנער־שאפט פון אדוו. יאשעגסקי בנוגע דער בעשטעטיגונג פון דער רעגולאציע, איז בעשלאסען געווארען צו רעלעגירען דעם האנדעלס־ריכטער גראס, ער זאל אויס פארשען די פאראוואַרפען.

גלענצענדער רעפעראט פון ד"ר ש. יורים

אויף דער נעכטיגער קרן קימת־אקאדעמיע אין „פילהארמאניע"

די נעכטיגע אקאדעמיע פון „קרן קימת" אין פילהארמאניע האט צוגעצויגען זעהר א גרויסען עולם און איז אראפ זעהר פייערליך.

דער גאסט פון „קרן קימת" ד"ר ש. יורים האט געהאלטען א גלענצענדען רעפעראט וועגען נייעם לעבען אין ארץ ישראל. אין א פאטעטישען טאן און רייך מיט לירישע און מיטרייסענדע פאר גלייכען האט ער געהאלטען עטליכע שעה דעם עולם אין שפאנונג, אויסמאלענדיג א הערליך בילד פון אויפקומענדען א"י.

אזא רעפעראט האט לאדז שוין לאנג נישט געהערט. דער טויזענד קעפיגער עולם האט מיט גרויס בעגייסטערונג דעם רעדנער געמאכט שטורמישע אפלאדיסמענטען.

די אקאדעמיע האט זיך געענדיגט מיט א רייכען קאנצערט־טייל.

א גענויען בעריכט פון אינטערעסאנטען רעפעראט וועלען מיר נאך ברענגען.

דער פריש־רעמאנטירטער
רעסטאראַן
פון
א. בזשעזשינסקי
נארוטאָוויטשא 31, טעל. 08־190
איז פערזעהן מיט א רייכען בופעט פון אלערליי אינלענדישע און אויסלענדישע געטראנ־קען ווי אויך פערשידענע ווײַנען פון דער פירמע ליבער־מאן און שילדערניין
צו די ביליגסטע פרייזען!
גוטע און געשמאקע קוך

אויף סענסאציאנעלען אופן איז א געפעהר־ליכער באנדיט אין מיטען שלאף געשמידט געווארען אין קייטען

(§) אין אקטאבער איז אין סילעוו (הינטער פיעטרקאוו) געפונען געווארען פערדעקט מיט שטרוי א טויטער קערפער פון א דער׳הרג׳עטען פאליציאנט יוזעף קאזשעניאווסקי. די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז קאזשעניאווסקי איז דערשאסען געווארען דורך אונבעקאנטע פערברעכער. די פאליציי איז געקומען אויף די שפורען פון די בעקאנטע באנדיטען וויקטאר וולאשטשאנסקי און וולאדיסלאוו מאלאדא, לאדזשער איינוואוינער. אויף זיי איז געפאלען דער חשד אין ערמארדען דעם פאליציאנט. בעת דער רעוויזיע אין זייערע וואוינונגען, האט מען געפונען אגיטאציע מיט בלוט־שפריצען. די ארעסטירטע האבען ערקלערט, אז די בלוט־פלעקען זענען פון אונשולדיגע שנייטען אין זייערע פינגער. אזוי ווי די בלוט־צייכענס זענען געווען צו גרויס אויף פלעקען פון א שנייט אין פינגער, האט מען די אנציגער איבערגעשיקט קיין ווארשא אויף א כעמישער אונטערזוכונג. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס בלוט שטאמט פון א גרויסער וואונד.

די ווייטערדיגע אויספארשונג האט געפיהרט אויף די שפורען פון לאנג־געזוכטען באנדיט אנטאני לאינאצקי. לאינאצקי איז אבער אין לאדז נישט געווען. מען האט אויהם לאנג געזוכט און ערשט נעכטען פערהאלטען בעי זיין „קאכאני־קע" אין זדונסקא וואליא.

כדי אויהם צו כאפען האט די פאליציי זיך שטארק מכין־געווען. צום כאפען איז מען אויפ'ן ערשטען שטאק, וואו דער באנדיט האט זיך געפונען, איז צוגעשטעלט געווארען אין מיטען־נאכט א לייטער. עטליכע פאליציאנטען האבען גאנץ פארזיכטיג מיט א רעפלעקטאר אריינגעלויכטען דורכ'ן פענסטער, כדי צו זעהן וואס אין דער שטוב טוט זיך, און דערזעלבער צייט זענען עטליכע פאליציאנטען נעשטאנען אונטער דער טיר פון שטוב, וואו דער באנדיט איז געשלאפען. ווייטענדיג, אז דער פערברעכער האט צוגעגרייט 2 אנגעלאדענע רעוואלווערן, איז אויסגעבראכען געווארען די טיר אהן שום ווארנונג און די פאליציי־לייט זענען פלוצלינג געשטאנען פאר׳ן שלאפענדיגען באנדיט. דערביי האט מען פונדרויסען, דורכ'ן קעגנטער בעלויכטען דאס פינסטערע צימער. די פאליציי האט צוגענומען די אנגעגרייטע רעוואלווערן און אהן שוועריגקייטען געשמידט דעם פערברעכער, וועלכער איז געבראכט געווארען קיין לאדז.

בעת'ן פערהער האט ער זיך נישט געוואלט מודה־זיין אין ערמארדונג דעם פאליציאנט. ער האט זיך נאר מ־ה געוועזען אין אויספיהרען רויב־אנפאלען צוזאמען מיט מאלאדא'ן און וולאש־טשאנסקי'ן.

ראדיא פראגראם

פרייטאג 16 יאנואר.

לאדז (233.8) 11.58 שעה צייכען און פארלע־זען פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר, 12.10 גראמאפאן פליטען 3.35 קאמוניקאטן 3.50 לעקציע פראנצויזיש 4.15 גראמאפאן מוזיק 5.15 פארטראג 5.45 לייכטע מוזיק 6.45 פארשידענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזשער האנדלס קאמער, און פארלעזען פון פראגראם אויס'ן נעכסטן טאג 7.25 גראמאפאן מוזיק 7.40 ראדיא פרעסע זשורנאל 7.55 גראמאפאן מוזיק 8. — מוזיקאלישער שמועס פון הערצאג 8.15 קאנצערט פון ווארשעווער פילהארמאנישן ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון גזשעגאזש פיטעלבערג און אלעקסאנדער בראילאווסקי (פיאנא אקאמפאנימענט) נאכ'ן קאנצערט, „פ.א.ט.", וועטער פאליציי און ספארט קאמוניקאטן ווי אויך רעטראנסמיסיעס פון אויסלענדישע סטאציעס.

שבת 17 יאנואר

לאדז (233.8) 11.58 שעה צייכען און פארלעזען פון טעגליכן פראגראם ווי אויך פון טעאטער רעפערטואר 12.10 גראמאפאן מוזיק 3.30 ראדיא טעכנישער פאסט־קאסטען 4.15 ידיעות פון קאאפעראטיוון פערבאנד פון ווארשע 4.35 גראמאפאן מוזיק 4.45 ווינקעלע פאר יונגע מוזיק־טאלאנטען 5.15 פארטראג 5.45 הארץ־שפיל פאר קינדער 6.15 קאנצערט 6.45 פארשידענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזשער האנדעל קאמער און פארלעזען פון פראגראם אויס'ן נעכסטן טאג 7.25 גראמ־מוזיק 7.40 ראדיא פרעסער זשורנאל 8 פעליעטאן 8.15 פארטראג — 10 פעליעטאן, 10.15 טאנץ קאנצערט אין פראגראם שפעטער פון 10.35 „פ.א.ט" וועטער, פאליציי, און ספארט קאמוניקאט ווי אויך טאנץ מוזיק פון ווארשע.

„ווי שעצט מען מענשען אויף אזא אופן?"

סקאנדאליעזע ליציטאציע אויף 23 זל. פון לאדזשער מאגיסטראט ביי אנ'ארימען שניידער

(—) א סקאנדאליעזע ליציטאציע האט א מאגיסטראט־עקזעקוטאר נעכטען אויסגעפיהרט ביי אברהם אפאטאווסקי פון גדאנסקא 31. אפאטאווסקי איז א כאלופניק. ער בעקומט ארבייט פון מאגאזינערען. נאך אזוי ווי מאגאזינערען לייזען נישט צוליב'ן קריזיס, האט זיך ביי אפאטאווסקי'ן געשאפען גארנישט קיין הימליכע לאגע. אונצוווישען איז איהם אונטערגעקומען צו צאהלען לאקאל־שטייער פאר'ן יאהר 1925 אין דער הויך פון 19 זל. בלית־ברירה האט ער געמוזט זיך בעמיהען מען זאל דעם שטייער צולעגען אין ראטעס. אויף אזא אופן האט ר בעצאהלט דעם לאקאל־שטייער אין דער הויך פון 20 זל., ר. ה. מיט א זלאטי מעהר. לסוף האט מען ווידער גענומען מאהנען בעם ארבייטס־לאזען שניידער נייע 23 זל. פראצענטער פאר'ן פערשפעטיגען איינצוצאהלען דעם שוין נעדעקטען שטייער. וואו נעמט א מענש, בעפאלען מיט קליינע קינדער, וועלכער קוקט אויס אז די פרוי זאל פערדינען אויף א שטיקעל ברויט פון איהר שניידעריי מ'שטייגעזאגט? איז געקומען דער מאגיסטראט־עקזעקוטאר מיט „זאיענטשע" צעשלעך די ווכטיגסטע שטוב־מעבעל צונעמען. פרוי אפאטאווסקא (דער מאן איז נישט געווען אין דער היים) האט ערקלערט דעם מאגיסטראט־עקזעקוטאר, אז אלץ, וואס ער וויל, זאל ער צונעמען נאר נישט דעם נייטעץ־שפיגעל, וואס דינט איהר, ווי א ארבייטס־געצייג. דעם מאגיסטראט־עקזעקוטאר האט די מענה נישט נעריהרט. ער האט בעפוילען די קריסטליכע קויפער'ס, וואס זענען באלד מיט איהם מיטגעקומען, אויפצוציהלען איהם „זיין געלד" (23 זל.) און תיכף ארויס־רוימען די שפיגעל־שאנק.

די פרוי א. האט אין ספאזמען געשריגען, אז די שאנק אליין איז אויך ווערטה פאר ד 23 זל. דעם טואלעט־שפיגעל וועט זי נישט לאזען ארויסנעהמען, פריער שטיקלעכווייז, ווייל אהן דעם האט זי גישט קיין אויסזיכטען צו קע־גען פערדינען א גראשען און איהר מאן איז שוין זעהר לאנג אהן ארבייט.

דער מאגיסטראט־בעאמטער האט אפער ווי קיינמאל גארנישט, גערופען א פאליציאנט, וועלכער האט פעסט צו־געהאלטען די פרוי, וואס האט מיט הארצרייסענדע געשריען זיך געריסען צום שפיגעל, וועלכע פויערן האבען דער־ווייל ארויסגעטראגען. ס'איז געווען א שרעקליכע סצענע. א שכנ'טע, א געוויסע האז, וועלכע איז געקומען רעדען א גוט ווארט וועגען די אפאטאווסקי'ס, אז זיי זענען נישט אומשטאנד צו בעצאהלען די 23 זל. און דער שפיגעל איז א נויטווענדיג מעבעל־שטיק, האט בעת־מעשה בעקומען א פעסטען שטויס פון א קויפער.

ווען דער צוגעגרייטער וואגען האט אוועקגעפיהרט די „ליציטירטע" זאכען פאר 23 זל., וואס זענען ווערט לכל־הדעות 250—300 זל. איז פרוי אפאטאווסקא נעלעגען א פער'חלש'טע און דער הויף און די גאס זענען געווען שווארץ פון מענשען, ביי וועלכע דער פאל האט ארויסגערופן א פערשטענד־ליכע אויפרעגונג.

אז פרוי אפאטאווסקא איז געקומען צו זיך, איז זי אוועק אין מאגיסטראט פרעגען: „היתכן, ווי שעצט מען אפ א מענש פאר 23 גילדען?" דער בעאמטער פון דער שטייער אפטיילונג, קאמינסקי, האט איהר קאלטבלוטיג ערקלערט: „קען וויינען און טרעהרען וועט נישט העלפען! איהר האט גע־דארפט פריהער בעצאהלען!"

דער ענטפער רעדט שוין פאר זיך.

טעאטער און קונסט

3 פאפולערע פארשטעלונגען פון דער יודישער סטודיע אין „הזמיר"

די פארשטעלונגען פון דער „יודישער טעאטער סטודיע" אין „הזמיר" נעייען ווייטער אראפ מיט גרויס ערפאלג. דער עולם איז ענטציקט פונ'ם פערלעטונגען צוזאמענשפיל פון די סטודיאנטען. די „יודישע טעאטער סטודיע" האט בעשלאסען צו געבען ווייטערדיגע דריי פאפולערע פארשטעלונגען היינט פרייטאג 9 אווענד „די גאלדגרעבער" פון שלום־עליכם, שבת 9 אווענד — „אין פאליש אויף דער קייט" פון י. ל. פרץ. זונטאג 9 אווענד — „די גאלדגרעבער". די פרייזען זענען פון 50 גר. אן.

פראצעס וועגען פערקויפטע זאכען, וועלכע זענען געווען סעקוועסטירט

(:) אברהם קאלקשטיין (פרעהנטעס־פלאץ 6) איז אין זיין צייט פער'משפט געווארען דורכ'ן לאדזשער שטאט־געריכט אויף 2 חדשים תפיסה פאר'ן נישט צו־שטעלען צו ליציטאציע די זאכען, אויף וועלכע עס איז געווען געמאכט א „זא־יענטשע" דורך א קאמארניק. ער האט זיך געהאט פערטיידיגט, אז די שווערע מאטעריעלע לאגע האט איהם געצוואונ־גען די גענענשטאנדען צו פערקויפען. ה' קאלקשטיין האט אפעלירט געגען אורטייל, און די צווייטע אינסטאנץ האט איהם בעפרייט פון שטראף. פער־טיידיגט האט איהם אדוו. מאקסימיליאן רובין.

פערשאלטען בלוט

גרויסער שפאנענדער ראמאן פון דער היינטיגער צייט

(126 פארטזעצונג)

— איך שווער אייך, אז אלץ, וואס ליגט אין אונזערע מעגליכקייטען, וועט געטון ווערען. — האט אדעלא געענט־פערט און האט זיך אויפגעהויבען.

— מען גאט, גרעפין, איהר האט גערעטעוועט מיין פרוי. איך האב געמיינט, אז זי איז שוין משוגע. — האט דער וואלד־אויפזעהער געשטאמעלט.

— דער שמערץ האט זי בלויז נידערגעשלאגען. בעמיט אייך זי צו בערוהיגען. ווען איך וועל דא בלייבען, וועל איך עס אליין טון, אבער איך מוז אין עטליכע טעג ארום אוועק־פאהרען אין דער הויפט־שטאט. פערגעסט נישט, וואס קיר־טען האט אייך אפגעטון און איצט זייט מיר מוחל, וואס איך מוז אוועקגעהן. איך קען נישט צוקוקען צו די לײַדען פון אייער פרוי. — האט די פאלשע פרוי בעזאגט, האט זיך פערנייגט און דערווייטערט.

דער אויפזעהער איז איהר נאכגעגאנגען און זיך אנ־גערופען:

— איהר האט מיין פרוי גערעטעוועט, און ווען עס וועט אייך נאך געלינגען צו בעווייזען די אונשולד פון מיין זוהן, וועט איהר געפינען אין מיר א דאנקבארען מענש.

— געזונטעס, הער אויפזעהער, קלערט מעהר ווענעז קירמאנ׳ן. — האט אדעלא געזאגט און איז געגאנגען ווייטער.

— לאז זי געהן, לאז זי געהן! — האט די קראנקע פרוי געמורמעלט.

אבער איהר מאן האט איהרע ווערטער נישט פערשטאנען, ער האט בלויז געהערט, ווי זי האט איהם גערופען. שנעל האט ער זיך צוריקגעקעהרט און זיך אראפגע־בויגען צו איהר.

— דערקענסט מיך איצט, מאריאנע?

— יא, יא, איך דערקען דיך, אונגליקליכער פאטער. — האט זי ווייטער געמורמעלט און האט געשלאסען די אויגען.

— גאט זיי דאנק! זי האט צוריקגעוואונען דאס בע־וואוסטזיין! — האט בוימאן געזאגט א צופרידענער.

מאריאנע איז איינציגווייז פולשטענדיג געקומען צום בעוואוסטזיין. זי האט ווייניג גערעדט און ווען בוימאן האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם ארעסטירטען זוהן, האט זי א מאך געטון מיט דער האנד און געשעפטשעט.

— שווייג, שווייג, רעד נישט דערוועגען.

אין א האלבע שעה ארום איז בוימאן ארויס פון דער שטוב און אוועק צום גראפ'ס פאלאץ, כדי צו בעזוכען זיין פריינד ווערנער. אבער ווערנער איז נישט געווען אין דער היים. ער איז אוועק אין דער פרוי לעני'ס שטיבעל. ער האט געוואר'ט און באלד איז ווערנער צוריקגעקומען. ווערנער האט דערצעהלט, אז ער האט אומזיסט געזוכט אין די פא־פירען פון דער פערשטארבענער פרוי. ער האט גארנישט געפונען. בוימאן האט איהם דאן איבערגעגעבען וועגען דעם בעזוך פון דער גרעפין אדעלא.

ווערנער האט געשוויגען און בוימאן איז נישט געווען דרייסט איהם צו דערצעהלען, וואס פאר א פערלאנג די גרעפין האט צו איהם געהאט.

אין א קורצע צייט ארום האבען זיך ביידע פריינד צעשיידט.

אין אווענד פון זעלבען טאג האט אדעלא אומזיסט גע־ווארט, אבער אויך דאס איצטיגע מאל האט זי געמוזט אוועק־געהן מיט גארנישט. קירטען איז פערשוואונדען, אויך בוי־מאן האט איהם אין ערגעץ נישט געזעהען.

אין דריטען טאג נאך פעליקס'ס ארעסט איז גראף פאן ריינפעלד אוועקגעפאהרען מיט זיין טאכטער אין דער הויפט־שטאט.

א געהיימנישפולע ווארנונג

מיר געפינען זיך איצט אין דער הויפט־שטאט.

עס איז צומארגענס נאכדעם, ווי פעלא איז אוועקגע־פיהרט געווארען דורך ריינהארד'ן און גראף עדגאר.

דער באנקיר ראזען איז געווען נאך צו שטארק ערשי־טערט צוליב דעם טויט פון זיין זוהן. ער איז נאך אלץ נישט געגאנגען, ווי געוועהנליך אין זיין געשעפט. די בריוו און פאפירען, וואס זענען אנגעקומען פאר איהם די לעצטע צוויי טעג, זענען געבראכט געווארען אין זיין פריוואט־וואוינונג.

ראזען האט זיי אפילו נישט איבערגעקוקט. ער איז ערשט איצט צוריקגעקומען פון ארט, וואו עס האט זיך גע־פונען זיין ערמארדעטער זוהן, און פערזונקען אין טיפען שמערץ, האט ער זיך צוגעלעהנט אויף א סאטעל, וואס איז געשטאנען לעבען א פולט, אין וועלכען עס האט זיך געפונען די קארעספאנדענץ.

נאכאמאל האט הער ראזען איבערגעקלערט די געהיימ־נישפולע געשעהענישען, וואס האבען איהם צוגערויבט זיין איינציגען זוהן.

די ערקלערונגען פון פראנץ פעלד זענען איהם איצט געווען שוין בעקאנט און זיינע געדאנקען האבען זיך איצט בעשעפטיגט מיט די דאזיגע ערקלערונגען.

דער ארעסטירטער האט געלייקענט, אז ער האט זיין זוהן געוואלט ערמארדען. וואס מעהר הער ראזען ארייגגע־קלערט דערין, אלץ ווייניגער האט ער געקענט פערשטעהן, פארוואס פעלד האט געקענט שיסען זיין זוהן. ווען פעלד וואלט געמיינט זיין זוהן אלפרעד צו ערמארדען און בארויבען, האט ער דאך געקענט בעגעהן זיין פערברעכערישע טאט מיט מעהר פארזיכטיגקייט. דעם שאס האבען דאך אלע געהערט.

דאך זענען די בעווייזען פאר פעלד'ס שולד אזוי שטארק אז דער באנקיר האט זיך נישט געקענט ענטשליסען צו גלויבען דעם אנגעקלאגטען'ס ערקלערונגען.

(פארטזעצונג קומט)

געשיכטעס וועגען יודישע פאמיליען-נעמען

(ענדע פון זייט 6)

אויך אזעלכע נעמען ווי: ראזענפעלד, גרינוואלד אדער בלומענפעלד פאָדערען קיין ערקלערונג נישט. עס זענען אבער דא א סך יודישע פאמיליען נעמען, וועגען וועלכע עס ווערען דערצעהלט פערשיידענע מעשיות פון וואנען זיי שטאמען.

אט, למשל, איז דא ביי די דייטשע יודען אזא נאמען ווי רולף, וועגען וועלכער עס איז געבליבען פאלגענדע טראדיציע אין דער פאמיליע, וואס טראגט אט דעם נאמען:

דער פאטער פון דער דאזיגער פאמיליע האט געוואוינט אין העסען, און דער צייט, ווען די רעגירונג האט געצוואונגען אלע יודען אננעהמען שטענדיגע פאמיליען-נעמען. אויף דער פראגע פון דעם באמטען, וואס פאר א נאמען ער וויל זיך געבען, האט יענער פאטער געענטפערט: ווידערבאך. אט אזא נאמען איז אוהם געפעלען געווען. דער באמטער אבער האט אוהם נישט פערשטאנען רוכטיג, און געמיינט, אז ער זאגט: ווי דער באך (ווי דער טייך). און וועגער דארף איז דא א טייכעל, וואס הייסט ביז אייצט נאך רולף. האט דער באמטער פערשריבען און בוך רולף, און אזוי איז געבליבען דער נאמען פון יענער פאמיליע.

פון העסען ווערט נאך א צווייטע מעשה אזא, ווי אזוי א יודישער פאמיליען נאמען איז אויפגעקומען פון דעם, וואס דער דייטשער באמטער האט מיספערשטאנען דעם יודען. דער באמטער, דערצעהלט די דאזיגע מעשה, האט געפרעגט דעם יודען, וואס פאר א נאמען ער וויל האבען פאר זיין פאמיליע, און דער יוד האט געענטפערט: „ראטען זי עם". „ראטענזום, יא, דאס איז אזוי שעהנער נאמען", — האט דער באמטער זיך אפגערופען. און אזוי טראגט יענע פאמיליע ביז היינטיגען טאג דעם נאמען ראטענזום.

און בערלין איז דא א יודישע פאמיליע מיט'ן נאמען זעלבינגער, וועלכער איז אויך אויפגעקומען דורך עהנליכען טעות. דער פאטער פון דער דאזיגער פאמיליע איז געמליך געשטאנען און דעם אמטס-צימער פון דער רעגירונג, וואו עס איז געהאנגען א טאוועל, אויף וועלכען עס זענען געווען אויפגעשריבען אלערליי ווערטער. ווען דער באמטער האט אוהם געפרעגט, וואס פאר א נאמען ער וויל זיך געבען, האט ער געוויזען אויף א געוויסען ווארט אויף דעם טאוועל און געזאגט: זעלבינגער. ער האט דערמיט געמיינט צו זאגען, אז ער וויל זיין נאמען זאל זיין דער זעלבינגער ווי יענער ווארט. דער באמטער אבער האט אריינגעשריבען און בוך, אז דער דאזיגער יוד וויל, אז זיין פאמיליען-נאמען זאל זיין „זעלבינגער".

אנ'עהנליכע אפשטאמונג האט אויך, ווערט דערצעהלט, דער פאמיליען-נאמען דערבארעמדיגער, וואס עס טראגט ביז היינט די משפחה פון דעם בערוהמטען בערדיטשעווער רבי'ן, לוי יצחק.

דער בערדיטשעווער רבי איז געמליך געווען א גרויסער בעל-התלהבות, א רעליגיעזער עקסטאטיקער. עס פלעגט נישט אויסקומען א מינוט, אז ער זאל נישט רופן צו גאט און שרייען „דער-בארימדיגער!" און זיין צייט איז ארויס א בעפעהל פון דער רעגירונג, אז יעטוועדער מוז האבען א שטענדיגען פאמיליען נאמען. איז ארומגעגאנגען א באמטער און בערדיטשעוו פון הויז צו הויז, פערשרייבענדיג יעדען מיט זיין נאמען. אז ער איז אריינגעגאנגען צום רב און אוהם פארגעלעגט, ער זאל זיך אויסקלייבען א נאמען, איז ר' לוי יצחק געווען, ווי שטענדיג, און א רעליגיעזער התלהבות און האט אויסגערופען „דער-בארימדיגער!" דער באמטער האט געמיינט, אז דאס ענטפערט ער אויף זיין פראגע, און ער האט פערצייכענט און בוך: ערשטער נאמען — לוי-יצחק, פאמיליע — דערבארעמדיגער.

אבער נישט אלע יודישע נעמען שטאמען פון דער נאהענטער פערגאנגענהייט, ווען מען האט גענייט יודען זיך צו געבען שטענדיגע פאמיליען-נעמען. נישט וועניג יודישע פאמיליען-נעמען שטאמען, ווי מיר האבען שוין געזעהן, פון גאנץ אלטע צייטען און האלטען זיך נאך ער-חיים.

„חתונה אויף פראבע"

(ענדע פון זייט 8)

גען פריערדיגע געזאלסאמען, און ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האט שוין געהאט אינטימע בעציהונגען מיט אלט פחורים.

דאס זעלבע מעדעל האט דעם רובטער אויך דערצעהלט, אז זי איז און שולע נישט די איינציגע, וואס פיהרט זיך אזוי; א סך אנדערע מעדלעך טוען דאס אויך, און זי האט דעם רובטער אנגערופען די נעמען פון די אלע אנדערע מעדלעך.

מיט א קורצער צייט שפעטער האט דער רובטער געהאלטען א רעדע פאר א גרופע געזעלשאפטליכע טוער און קאלאראדא. און דער גרופע זענען אויך געווען לעהרער פון שולען, און ווען דער רובטער האט גענומען קריטיקירען דאס שול-סיסטעם, זאגענדיג, אז די לעהרער פערשטעהען נישט די נשמות פון די קינדער, האט ער, נישט דערמאנענדיג קיין נאמען, דערצעהלט דעם פאל מיט דעם מעדעלע און אויך וועגען אנדערע אנדערע חבר'טעס און שולע. דאן האט איינער פון די לעהרער אויסגעשריען אויפ'ן קול: „דאס איז ליגען!". מיט א טאג שפעטער איז דאס זעלבע מעדעלע ווידער געקומען צום רובטער, און ווען ער האט אוהר דערצעהלט, ווי מען האט אוהם גערופען ליגנער, האט דאס מעדעלע געזאגט:

„אוהר זעהט, הער רובטער, — זיי, די לעהרער, ווייסען גאר נישט וועגען אונז. זיי מיינען, אז זיי ווייסען, אבער זיי ווייסען גאר נישט. און מיר קענען מיט זיי נישט רעדען אזוי ווי מיר רעדען מיט אייך. ווען זיי וואלטען געוואוסט וואלטען זיי אונז ארויסגעטריבען פון שולע".

„אבער אפשר וואלט דער לעהרער דיר גאר געהאלפען, ווען ער וואלט געוואוסט דעם אמת?" — האט דער רובטער געזאגט דעם קינד.

אבער זי האט זיך אויסגעלאכט. „ניין, — האט זי געזאגט, — די לעהרער העלפען נישט. זיי ווייסען גארנישט, און ווען זיי וואלטען געוואוסט, וואלט געווען שרעקליך".

דאס איז בלויז איינער פון די פאלען, אס בעווייזט ווי אזוי לעהרער ווייסען נישט, וואס ביי זיי און שולע טוט זיך אין ווי אזוי זיי ווייסען נישט ווי אויסצופאסען אויף די קינדער, וואס שטעהען אונטער זייער אויפזיכט.

(דאס ווייטערע קומט).

פרייד און בושה

(ענדע פון זייט 8)

גען דעם אמבולאנס פון שפיטאל. דער אמבולאנס איז גוט איינגעארדענט. אראפטראגען וועט מען אייך און א טראג-בעטעל.

— ווען?

דער דאקטאר האט א ווייַלע אפגעשהיגען. עטוואס צונויפגעצויגען די ברעמען:

— כ'רעכען נישט רוהרען אייך איבער נאכט. אבער גלייך און דער פריה מוזט איהר זיין און שפיטאל.

מאנין, אויסמיידענדיג צו קוקען אויף דעם קראנקען, האט זיך דאן אפגערופען:

— דאקטאר, איך וועל אייך אפפיהרען און שטעטעל. וועל איך שוין דארטען בלייבען און בעזארגען דעם אמבולאנס, ער זאל דא זיין באלד און דער פריה.

— גוט... דערווייל —

דער דאקטאר האט נישט פערענדיגט די פראזע. ער האט זיך איינגעבויגען, געעפענט די וואליז, האט פון דארט ארויס בעקומען א פלעשעל מיט עפעס א פליסיגקייט און נאך א פלעשעל מיט ספירט. האט זיך נאך א שטיקעל צייט געפארעט ביי דער קראנקער זייט: זי אפגעוואשען מיט ספירט, בעשמירט מיט א פליסיגקייט און נאכדעם ארויפגעלייגט א גרויסען פלאסטער. האט אנגעזאגט, מען זאל צולייגען קאלטע קאמפרעסען, דאס וועט פערלייכטערען דעם וועהטאג, האט זיך אויפגעשטעלט און, אנטוהענדיג דעם מאנטעל, האט ער לייכט א שמייכעל געטון צום קראנקען:

— נאר נישט געזארגט... איהר וועט זיין „אלראיט"...

דער קראנקער האט געקוקט אויף אוהם מיט גוטע אויגען:

— א דאנק, דאקטאר.

— נאר בלייבען רוהיג און זיך נישט ערגערען. און שפיטאל וועט מען אייך אויסהיילען.

אויסגעקעהרט זיך צו מאנין'ען:

— מיר פאהרען?

— גלייך, דאקטאר.

מאנין האט אויפגעהויבען די אויגען אויף אנגעס'ן:

— איך וועל קומען גלייך בעגלייטען מיט'ן אמבולאנס..

זייערע אויגען האבען זיך צונויפגעטראפען און זיך גלייך צעשיידט, ווי ביידע וואלטען זיך פאר עפעס פערשעהמט.

מאנין מיט'ן דאקטאר זענען ארויס פון צימער. אנגעס איז געשטאנען, ווי פערגלייווערט. געשטאנען און זיך צוגעהערט צו זיך אליין. געהערט: עס צייטיגט זיך און אוהר א הייסער בעגעהר, וואס וואקסט און אוהר שוין א צייט...

זי האט דערפיהלט דעם אלטען'ס בליקען אויף אוהר פנים און זי אליין געשטאנען אזוי שטיל.

— אנגעס!

זי האט געגעבען א מאך-צו די אויגען, האט זיי גלייך געעפענט, האט זיך ארויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום אלטען. געווארט א ווייַלע און אז דער אלטער האט גארנישט געזאגט, איז זי צוגעגאנגען צו זיין בעט:

— האסט עפעס געוואלט זאגען, [illegible]דע?

— האָ? זאגען?

דער אלטער האט דערפיהלט, אז ער ווייסט נישט, ווי אזוי צו זאגען און ער וועט גארנישט זאגען... ער האט בלויז געפרעגט:

— ביזט געווען אזוי פערטראכט. פון וואס טראכסטו?

— פון דיר, ווידע.

— וועגען מיר זארג נישט... עס וועט זיין גוט.

— אבער די וועהטאגען ריינגע?

— נישט אזוי שרעקליך. — איך וועל דיר צולייגען א קאמפרעס.

דער אלטער האט שוין געשוויגען. אנגעס האט צוגענומען פון אוהם די אויגען. און אוהר איז געווען גרויס פרייד און זי האט דערפאר געפיהלט גרויסע בושה...

וויצען און קאמישע מעשיות

(ענדע פון זייט 8)

קומען די גרעסטע, איז און יודישען טעאטער נישט נייַ.

איינמאל איז דער נאמען פון דער יודישער ביהנע יעקב פ. אדלער געווען א מאדים אויסצושניידען דעם טעקסט פון די אנדערע ראלען. דערצו האט ער זיך בענוצט מיט זיין בערוהמטער גרויסער פעדער. די „אפעראציעס" פלעגען פארקומען ביי אוהם אין שטוב און אויך אויף די פראבען און טעאטער.

דער רעזולטאט פון די אפעראציעס איז געווען, אז די אנדערע אקטיארען האבען כמעט גארנישט געהאט, וואס צו רעדען.

איינמאל אויף פראבע, בעת דער אקטיאר שראגע האט געזאגט פון זיין ראל, וועלכע איז שוין געווען גענוג ארומגעשניטען, האט אדלער בעמערקט, אז די ראל איז נאך צו גרויס און ער האט געהייסען שראגען אוהם דערלאנגען די ראל אויף צו שניידען.

שראגע האט אוהם דערויף צוגעטראגען א יודישע צייטונג.

— גיט מיר אייער ראל! — זאגט אדלער.

— מר. אדלער — ענטפערט אוהם שראגע — ביי מיר איז די ראל שוין אזוי קליין, אז איהר קאנט שוין גאר נישט מל זיין, דא אבער און דער צייטונג איז נאך דא א סך פראזע, דארט קאנט איהר עפעס שניידען!

רעדט נישט קיין לישויש!

די יודישער ביהנע האט נאך ביז'ן היינטיגען טאג נישט קיין בעשטימטען דיאלעקט. יעדער אקטיאר רעדט אזא יודיש, וועלכען ער איז געוואוינט צו רעדען פון דער היים. עס קאן דעריבער זעהר לייכט טרעפען, אז ווען מען זעהט אויף דער ביהנע א פיעסע, וואס שפילט אין ליטע, זאל דער טאטע רעדען א האלב-ליטווישען יודיש, די מאמע-א וואלינער יודיש און די קינדער — א פוילישען יודיש, אלץ דערפאר, ווייל יעדער רעדט מיט זיין אייגענעם דיאלעקט.

„די ווילנער" האבען איינגעפיהרט צו רעדען בלויז דעם ליטווישען דיאלעקט, אבער ביז צו זיי איז דער ליטווישער דיאלעקט געווען אינגאנצען פסול אויף דער יודישער ביהנע.

איינמאל, בעת מען האט אויפגעפיהרט א בעארבייטונג פון דער פיעסע „זאראיא", האט פרוי גאראלסקא, וועלכע האט געשפילט „די מאמע", געגעבען א זאג:

— וואס רעדסטו, אזא יוד וועט זיין א פראצענטניק?! ווי אזוי איז דאס מעגליך, ער איז דאך אזא פרומער? ער פאסט דאך נאר מיט הפסקות.

און טעאטער איז געווארען גערודער. דער דירעקטאר פון דער טרופע, קומט ער ארויס הינטער די קוליסען און רופט זיך אפ צו דער אקטריסע:

— איך בעט אייך, רעדט מיר נישט קיין ליטוויש. מיין פובליקום בעשטעהט מעהרסטענטייל פון גאליציאנער. זיי פערשטעהען נישט קיין ליטוויש: האפסוקעס זאגט: אויף סוקעס.

קינא
ZACHĘTA
זגיערזשער-גאס 26.

היינט און ווייטערדיגע טעג!

מאטא: „לא תחמוד אשת רעך"...

די מעכטיגסטע דראמא, וואס דערגרייכט ביז צו די טיפענישן פון דער מענשליכער נשמות. א פילם קונסט-ווערק א. נ.

דער צוריקקעהר פון געפאנגענשאפט

אין די הויפט-ראלען:
Dita Parlo, Gustaw Fröhlich

דאס זענען צווי געפיהלען, צווישן וועלכע מען קען נישט בויען קיין בריק, פריינדשאפט און ליבע... צווי פריינד און... א פרוי...

אויסגעצייכענ. ארקעסטער אונטער לייטונג פון י. סטעפאנסקי
אנפאנג פון די סעאנסען אין די וואכען טעג 4 א זייגער נאכמיטאג. - שבת, זונטאג, און חגאות 12 א זייגער פארמיטאג.
דער זאל איז גוט געהייצט.

דער נאהענטסטער פראגראם:
ליבעס-שמער אין דער נאכט

הלא חכמה תקרא, ותבונה תתן קולה, אם תקח אמרי, ומצותי תצפן אתך, אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום ילך בטח, ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאלסט נאר קומען אין דער ביורא פון
ד. מאנעלא
וואס איז איבערגעטראגען געווארן פון 2. הויף, אויפן ערשטן הויף
פיעטריקאווער 17 לינקס אפיצינע פארטער. טעל. 124-95

וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, געוויסענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילנע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, אדוואלאציעס, קלאוזולעס זאבעזופיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות אין אורושאנד רעקלאמאציע. היי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. בעמ.: קלאוזולעס און זאבעזופיעטשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט במשך 24 שעה.
מיט אכטונג
ד. מאנעלא, פיעטריקאווער 17
ערשטער הויף.

האנדעלס-קארעספאנדענץ
פוילישע, דייטשע, פראנצויזישע, ענגלישע
ערלעדיגט דאס ביורא „ארגוס"
זאכאדניא 36
טעלעפאן 108-47

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אנגעוועהטאגטע ענינים זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא

פעטריקאווער 17
2-טער הויף פארטער

דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס, קלייזולעס און זאבעזופיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען אין משך פון 24 שעה. אפעלאציעס, אפאזיציעס, אדוואלאציעס, רעקורסען וועגען פעמער, וויזעס אין קאמיסאריאט-זשאנדר, וועקסעל-אינקאסא אויף גאנץ פוילען און גאליציען ווערען פינקטליך און געוויסענהאפט ערלעדיגט צו די ביליגסטע פרייזען. שותפות-אקטען, סטאטוטען, איבערזעצן אינטערציזיעס, אקטו, דאראוויזנעס אלערליי ספראוועס ווערען אנגענומען אדורכצופיהרען, עווענטועל מיט א נ' דוואקאט.

די איינציגע טאכטער
פון ישראל מאנעלא
2-טער הויף פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79.

בעמ.: דאס ניי - „געבאקענע" מאנעלא-ביורא אויפ'ן ערשטען הויף האט נישט קיין שום שייכות מיט'ן לאנג-עקזיסטירענדען ביורא, וואס געפינט זיך
אין צווייטען הויף פארטער
טעלעפאן 148-79

[illegible] פאר דאמען!
נאר פאר 2.50 זל.
מאכע איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבערארבייטע איך אויף גענצליך ניי.
געדענקט דעם אדרעס:
23 זאוואדזקא 23
אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער.
בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער אויספערטיגונג — 50 פראצ. ביליגער ווי איבעראל
„TOLA"

דאמען-סאמעטעס
פון אלטע פילץ-היט אהן אונטערשיד מענער- אדער דאמען-היט, מאך איך די שענסטע פאסאנס סאמעטעס אין פיינסטער אויספיהרונג צו שפאט ביליגע פרייזען.

BILANS Netto

Spółdzielczego Banku Kredytowego Właścicieli Nieruchomości m. Łodzi

Spółdzielnia z ogr. odp. w Łodzi, ul. Piotrkowska 39

na dzień 31 grudnia 1930 r.

Stan czynny.

Kasa i sumy do dyspozycji:		
a) gotówka w kasie	103991,03	
b) Bank Polski	3004.47	
c) P.K.O. i Banki Nostro	51454.35	158449.85
Papiery wartościowe własne		8519.56
Weksle zdyskontowane:		
a) w portfelu	316805.65	
b) u koresp. i w depoz.	93792.58	410598.23
Weksle w proteście		4137.94
Zaliczki		118549.82
Sumy przechodnie		4251.67
Ruchomości	13797.38	
amortyzacja	1430.—	12367.38
Koszty organizacyjne	13009.10	
amortyzacja	2009.10	11000.—
Koszty i wydatki zwrotne		1956.84
		729831.29
Weksle inkasowe:		
a) w portfelu	178842.56	
b) u korespondentów	79798.45	258641.01
Depozyty		174910.—
Suma bilansowa		Zł. 1163382.30

Stan bierny.

Kapitały własne:			
a) Udziałowy		110382.35	
b) Zasobowy	6390.—		
wpisowe za r. 1930	4880.—	11270.—	
c) Fundusz specjalny		3610.—	125262.35
Wkłady			155535.47
R-ki Czekowe bieżące			352986.89
R-ki członków na pokrycie kosztów organizacyjnych			12617.34
Książeczki Wkładkowe i Premjowane			28908.48
Zobowiązania inkasowe			9422.13
Sumy przechodnie			3404.98
Odsetki dotyczące 1931 r.			6216.30
Pozostałość zysku z 1929 r.		703.91	
Zysk netto za 1930 r.		34773.44	35477.35
			729831.29
Komitentom inkasowi			258641.01
Różni za depozyty			174910.—
Suma bilansowa			Zł. 1163382.30

RACHUNEK STRAT i ZYSKÓW

Winien

Odsetki zapłacone	29956.34	
„ dotyczące 1931 r.	6216.30	36172.64
Prowizje zapłacone		4678.58
Koszty Handlowe i administracyjne		60661.28
10 % umorzenia ruchomości		1430.—
Na umorzenie kosztów organizacyjnych		2009.10
Zysk netto za rok 1930		34773.44
		Zł. 139725.04

Ma

Odsetki pobrane	80056.27
Prowizja pobrana	56695.94
„ „ od niecztonków	1930,83
Różnice kursowe	1042.—
	Zł. 139725.04

א בשורה טובה
פאר עלטערן וואס זייערע קינדער, לערנען אין פאוושעכנא שולעס
די לייטונג פון בעוואוסטען ארטאדאקסישען נאכמיטאג-חדר פאר קינדער, וואס לערנען אין פאוושעכנע שולען, מאכט בעקאנט דאס נאך א גרינדליכען רעמאנט ווערט דאס חדר פולשטענדיג רעארגאניזירט און פערפולקאמט אויף אלע געביטען פון למודי קודש ס'ווערט געלערנט דורך מלמדים ספעציאליסטען עברי, חומש, רש"י, תנ"ך משניות, גמרא א. פ. פערגרעסערטער קורס פאר העברעאיש (רעדען און שרייבען) אויך יודישע בריף זעלבסט צוזאמענשטעלען. צוליב'ן קריזיס הנחה פרייזען.
פלאץ וואלנאשטשי 6 (נייע שטאט)
קווער אפיצינע, איינשרייבען טעגליך פון 2—7

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקהייטען און מענערשוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערוועז-קראנקהייטען.
קווארצלאמפ-עלעקטרישע-הייל-קאבינעט-מאסאזשען
טעגליך פון 8 8 זייגער פריה ביז 9 אווענד
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג
בעזונדער ווארטע צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זלאטעס

קלאַנג - פילם
Grand-Kino
אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ, שבת, זונטאָג און חגאות 12 אַ זייגער מיטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אַ זייגער אָוו.

היינט און ווייטערדיגע טעג! 100 פראָצענטיגער, פוילישער רעד און געזאַנג-פילם היינט און ווייטערדיגע טעג!
„די שטים פון הארץ"
רירנדע דראַמע פון אַ יונגער פוילישער עמיגראַנטין אין ניו-יאָרק.
פלעצער זענען נאָרמאַלע. אויף די פריהמאָרגענס – ערמעסיגט.

KINO TEATR „PALACE"
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג, שבת, זונטאָג און חגאות 12 מיטאָג. אויפ'ן ערשטען סעאַנס אַלע פלעצער צו 50 גראָשען.

◄ היינט די לאַנג-ערוואַרטעטע פרעמיערע! ►
ערשטער פילם פון 1930-1931 מיט דער לאָדזער ליבלינגין, דער בעריהמטסטער אַקטריסע פון דער וועלט
HENNY PORTEN
ווי אויך דער ראַסאַוואָר GUSTAW DIESSEL אין דער ריזיגער דראַמע אויפ'ן פאָן פון דער טראַגעדיע פון די קינדערלאָזע פרויען – א. נ.
אהז הארץ—אהן אַ נשמה
סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון לעאָן קאַנטאָר.

◄◄◄◄ היינט און ווייטערדיגע טעג! ►►►►
ערשטע אויטענטישע סענסאַציאָנעלע דראַמע פון הינדוסען-לעבען — א. נ.
— דער —
ליבלינג פון מאַהאַראַדזשאַ
שטאַרקע סענסאַצ. דראַמע אין דער אויספיהרונג פון הינדוסען אין 10 אַקטען
אין דער ראָל פון קעניג
Himansu Raj
לוקסוס-אויסשטאַטונג, המון פון 100.000 הינדוסען, נאַכניט געוועזענער אינהאַלט.

KINO TEATR CZARY
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג, שבת, זונטאָג און חגאות 12 מיטאָג. אויפ'ן ערשטען סעאַנס אַלע פלעצער צו 50 גראָשען.

מעבעל
דעם גרעסטען און עלעגאַנטסטען אויסוואהל פון
שלאַף צימער, עס-צימער, קינדער צימער א.א.ז.וו. קאָמפלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק מעבעל
אַמביליגסטען און אויף די בעסטע בעדינגונגען עמפפעהלט די בעסטע און רעעלסטע מעבעל פירמע אין לאָדז
MARKOWICZ i NASIELSKI, PIOTRKOWSKA 6.
פאַבריק: POŁUDNIOWA 10

LUNA
אויסערן-פראָגראַם:
הערליכע קלאַנג-צוגאַבען.

היינט און טעגליך! דער שענסטער קלאַנג- און געזאַנג - פילם
פון דער אינלענדישער פראָדוקציע אויפ'ן פאָן פון דער נאָוועלע פון
העינריק שענקעוויטש פילם-בעאַרבייטונג פון פערדינאַנד געטל
יאנקא מוזיקאנט
רעאַליזאַציע רישאַרד אָרבינסקי, מוזיק גושעגאָש פיטעלבערג און לעאָן שילער, לידער-טעקסטען פון קאָנראַד טאָם.
אין די הויפט-ראָלען:
מאַריאַ מאַליצקאַ און וויטאַלד קאָנט, ווי אויך א. דימשאַ, ק. קרוקאָווסקי, א. זאַבטשינסקי און אנד.
אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ שבת, זונטאָג 12 מיטאָג לעצטער סעאַנס 10 אָוו. פרייזען פון פלעצער נאָרמאַלע, אויפ'ן ערשטען סעאַנס פון 1 זל. אָן. שבת, זונטאָג פון 12–3 נ"מ צו 1 זל. און 1.50

KINO-TEATR
SPÓŁDZIELNI
Sienkiewicza 40.
דער נאָכהעכסטער פראָגראַם: דער ווייסער קאַפיטאַן מיט Lili Damita, Ronald Colmen

היינט און טעגליך!!!
הערליכער אָריענטאַלישער פילם לויט דער בעריהמטער דראַמע פון ה. קיסטענמעקערס אויפ'ן נ.:
די בלום פון מזרח
אין די הויפט-ראָלען Cladia Victrix Jaque Catelain
מאָדערנע דראַמע אויפ'ן פאָהן פון צווי קולטורען אין אַ נשמה פון אַ יונגער מאַראָקאַנין. די האַנדלונג קומט פאָר איצט אין אַפריקאַ, אויפ'ן ים-התיכון און אין טולאָן.
אָנהויב פון די סעאַנסען 4 אזייגער נאָכמ. שבת זונטאָג און חגאות 2 נאָכמיטאָג אויפ'ן ערשטען סעאַנס זענען די פרייזען צו 60 גראָשען. הנחה-בילעטען גילטיג אַלע טאָג

קינא-טעאַטער
„Przedwiośnie"
Żeromskiego 74/76

היינט גרויסע פרעמיערע! גרויסער זיטען-פילם אַ דראַמע פון אַלע צייטען, די ווירקליכקייט פון דער איצטיגער צייט. מיטרייסענדער אינהאַלט, אויסגעצייכענטע אויסשטאַטונג אין פילם—א. נ.
די מאראל פון פרוי דולסקא
פרייע בעאַרבייטונג לויט דער בעקאַנטער ערצעהלונג פון גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַ, מיט'ן אַנטייל פון די בעסטע כוחות פון דער פוילישער ביהנע מיט „מיס פּאָלאָניאַ" זאָפיא באַטיצקאַ און דזלאַ ליפינסקאַ אין די הויפט-ראָלען. — די מוזיק איז צוגעפאַסט צום בילד אונטער דער לייטונג פון אַ. טשודנאָווסקי. די פרייזען פון די פלעצער – נישט געהעכערט. אָנהויב 4 נ"מ. זונטאָג, חגאות 2 נ"מ לעצטער סעאַנס 10 אָוו. הנחה-בילעטען שבת, זונטאָג, חגאות אונגילטיג. ציפאָהר מיט די טראַמווייען 5, 6, 8, 9, 16.-נאָנסטער פראָגראַם: „דער קאַמף ביי דער סאַממ א"
שבת, דעם 17. יאַנואַר 12 מיטאָג און זונטאָג, דעם 18. יאַנואַר 11 פ"מ פריהמאָרגענס פאַר קינדער און יוגענד. ס'וועט דעמאָנסטרירט ווערען די דראַמע „די קמיע פון לעבען". פרייזען: פאַר קינדער 20 גר., פאַר דערוואַקסענע 50 גר.

Dr. med. J. IMICH
צוריקגעקעהרט.
ספעציאַליסט פאַר האַלז, נאָז אויערען און קעהלקאָפּ-קראַנקהייטען
מאָניושקי 1 № – טעל. 209-97
נעמט אָן פון 5–7, זונטאָג און חגאות פון 1–2 נאָכמ.

Dr. med. J. LUBICZ
צוריקגעקעהרט
Chirurg-Orteped
ספעציאַליסט פון ביינער- און געלענקע-קראַנקהייטען פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער, ווי אויך פון גלידער שווינדזוכט.
גדאַנסקאַ 28, – טעל. 183-17
נעמט אָן פון 2 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

Dr. Med. E. Reicher
ספעציאַל ארצט
פאַר הויט האָר און וענערישע קראַנקהייטען דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטרא-טעראַפיע
פּאָלודניאָוואַ 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8–11 פריה און 5–9 אָוונט. זונטאָג פון 1–9 מיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע לעשעניצע פרייזען

טוך- און קאָרט-לאַגער
Sz. Maroko, Łódź
נאָוואָמיעסקאַ 2 פראָנט 1 שטאָק טעל. 15948
[illegible]

Dr. med. St. Praport
Ginekolog Urolog
ספעציאַליסט פאַר פרויען און אורין קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 6–8 אָוונט
גדאַנסקאַ 77ª, טעל. 208-95
אין לעטשניצע „סאַניטאַס", ציגעל-גאַס 29 פון 11 ביז 1 מיטאָג.

קלאַוויר-לעקציעס
אַ רוטינירטע פּיאַניסטין. געענדיגט דעם קאָנסערוואַטאָריום האָט נאָך איניגע פרייע שעה גיט לעקציעס פאַר אַ צוגענגליכן האָנאָראַר. פּאַרטעפּיאַן אויפ'ן אָרט.
פיראַמאָוויטשאַ 3 כיימאָוויטש 213

בשורת ספר חדש
באור ומדרש תורה
פירוש על חמשה חומשי תורה ביחוד על דברי המדרש רבה הסתומים מאת הרב הגאון הצדיק ר' ברוך בענדיט ז"ל גליקסמאן מלאסק.
להשיגי אצל המו"ל פ. ז. גליקסמאן לאדז,
זאַוואַדזקאַ 16a

צו פערמיטען
אַ גאַנץ אדער האַלב געוועלב אין דער אומגעגענד פון פלאַץ-וואָלנאָשצי מיט זעהר גוטע בעדינגונגען. אָפערטען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „ל.ט." אונטער „Sklep"

Nauka
buchalterji
amerykńskiej i włoskiej 30. zł. kurs Nauka Pisania na Maszynie 10. zł. Biuro „Kodekspol" Cegielniana № 61 Załatwia się sprawy: skarbowe, komunalne, handlowe, sądowe: klauzule, zabezpieczenia i t. p. 233

Szoła i Freblówka
בית-ספר וגן ילדים פון
A. GAJST Kamienna – 2 –
I. און II. שול-יאָהר–איינשרייבונגען טעגליך



Słuchawki, detektory, głośniki, aparaty odbiorcze
oraz **części radjo-elektrotechniczne** poleca
Inż. Juljusz Hamer
6-go Sierpnia 1, telefon 188-58
Uwaga: ładowanie akumulatorów.

Kocioł Parowy
poszukiwany od 8 atm. ciśń. z wyż Oferty wraz z rozmiarem kotła, wyczerpującą ceną i warunkami płacy. składać do Redakcji niniejszego pisma pod „Kocioł".

בוכהאלטעריע
איינפאַכע און דאָפּעלטע
(איטאַליענישע און אַמעריקאַנישע)
ווי אויך מאַשין-שרייבען און רעכענען לערן איך אויס גרינדליך פאַר 30 זל. בלויז מאַשין-שרייבען 10 זל. קילינסקיעגאָ 50 (פריהער צע. געלניאַנאַ 55) קווער אָפיצינע 1טער שטאָק. מיר ערטיילען אויך קאָרעספּאָנדענץ, האַנדעלס אַריטמעטיק און סטענאָגראַפיע.

אַ וואוינונג
פון אַ שטוב מיט אַ קיך פון זאָפאָרט אַבערצוגעבען, דירעקט פון ווירט.
אַלעקסאַנדריסקאַ (מרדכי גבאי'ס) 29 קוטשינסקי

קאָנצעסיאָנירטע צושנייד-קורסען
ב. לעוויטאַנוס
מאַכט בעקאַנט פאַר הערן און דאַמען-שניידער גרינדליך צו ערלערנען דאָס צושנייד-פאַך אויסנאַהמס-פרייז 100 זל.
ב. לעוויטאַנוס
לאָדז, גדאַנסקאַ 11 №

אכטונג!
איך מאַך בעקאַנט, דאָס איך בעשעפטיג מיך ווייטער מיט אונטעררריכט ערטיילען: די פּוילישע און דייטשע שפראַך גרינדליך. בוכהאַלטעריע, קאָרעספּאָנדענץ און מאַשינשרייבען. אַלגעמיינע געגענשטענדע. פּאָרבערייטונג אין מיטעל-שולען. קאָרעפעטיציע אין ענצעל און גרופּענווייז, ספּעציעלע מעטאָדע פאַר שוואַך ענטוויקעלטע און גייסטיג-שוואַכע קינדער מיט גוטען ערפאָלג. פּריוואַט-לעהרער
ג. גרינבוים,
קאָנסטאַנטינער 46, לינקע אָפיצינע 1 שטאָק.

רוטינירטער
בוכהאַלטער-בילאַנסיסט
מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק אין איין גרעסערער פאַבריקס-אונטערנעהמונג, בעהערשט די שפּראַכען: פּויליש, דייטש, רוסיש און העברעאיש, זוכט איין ענטשפּרעכענדען פּאָסטען, איבערנעהמט עווענטועל איינפיהרען אָפיציעלע ביכער און בילאַנס-אַבשליסע אויף שטונדען אַרבייט. מיט געפעל. אָפערטען ביטע זיך צו ווענדען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" אונטער „בילאַנסיסט".
229

אַ ערפאַהרענער, ענערגישער און ערליכער קויפמאַן מיט אַ בעשטימטען קאַפּיטאַל און פּערזענליכער מיטאַרבייט וויל צוטרעטען
אלס שותף צו
אַ זעלבסטשטענדיגע פרוי
וועלכע פיהרט אַ אייגענעס גוטגעהענדעס געשעפט, גלייכגילטיג אין וועלכער בראַנזשע. אָפערטען אין דער אַדמיניסטראַציע פאַר „עהרליכער קויפמאַן".
230

לאזשי
קענען בעקומען 2 אנשטענדיגע יונגעלייט צו ערפאַהרען ביי ברעסלער נאָוואָמיעסקאַ 26 פראָנט 3 שטאָק.
234

אַבאָנעמענטס-פרייז [illegible] אַנאָנסען-פרייז [illegible]
Redaktor-wydawca [illegible]
Drukarnia [illegible] w Łodzi, Piotrkowska [illegible]